Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פּרייז 35 גראשען | היינט 16 זייטען.

נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 167 | Łódź, Piątek 19 lipca 1929 | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, יא תמוז תרפ"ט | № 167

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פּיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

אין שמוץ, דומפּיגקייט און הושך

שלעפּען זייער וויסט-לעבען אָרימע פערעלענדע משפחות

שוידערליכע בילדער פון מענשליכען פיין

(ספּעציעלע פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמען און שילדערונגען פאַר'ן „נייעם פאָלקסבלאַט")

אונזער אָנפאַנג אויפצודעקען די גרויזאַמע וואוינונגס-נויט אין לאָדז, האָט ערשיטערט די געזעלשאַפטליכע מיינונג, ביז איצט האָט מען נאָר גערעדט וועגען דעם דאָזיגען ענין, טעאָרעטיש דיסקוטירט, אָפּעריִרט מיט סטאַטיסטיק און ציפערען, קיינעם איז אָבער נישט איינגעפאַלען אריינצוקוקען דעם שוידער און גרויל אין די אויגען, נישט אויס־מיידען נאָר זיך פעראינטערעסירען און זעהען דאָס אומגליק בולט און קלאָהר.

אונזערע לעזער האָבען אונז מודיע געווען וועגען צעהנדליגער און הונדערטער הינטישע לעכער, וואו ס'וואוינען גרויסע מענשליכע פאַמיליעס, ס'איז אוממעגליך אין צייטונגס-אַרטיקלען צו שילדערן די שרעקליכע בילדער פון וואוינונגס-נויט, וועלכע מען הויבט אָן דעם שפּאַציר פון לאַגעוניצקאַ, פּיעפּשאָווא, מלינאַרסקא, מיצקעוויטשא, ראָלנא, ספּאַ צעראָווא, גאַפּלאַנסקא, זשוראַווּיא און ווי זיי הייסען דאָרט די אַלע גאַסען. ס'איז אוממעגליך צו שטילען דעם וועהטאָג צוליב דער שוידערליכער וואוינונגס-לאַגע און צוליב דעם, וואָס עס איז נישט פערהאַן קיין אויסזיכט אויף פערבעסערען זיך.

ס'איז ממש צו בעוואונדערן דאָס געדולד פון מענשען, וועלכע

האַלטען אויס לעבעדיגערהייט אין די פינסטערע קברים

לעבעדיגערהייט

מיר זענען אויף ראָלנא 20, מען וויל אונז ווייזען אַ וואוינונג אויפ'ן צווייטען שטאָק, אָבער ווי איז דאָס מעגליך אין דעם הייזעל, וואו ס'קען אפילו קיין נאָרמאַלער פּאַרטער נישט זיין, אַ צווייטער שטאָק? אָבער וואו איז דער אַרויפגאַנג? עפּיס אַ בעריהמטער וועלט-אינזשעניר האָט אויסגעטראַכט וואו אַוועקצושטעלען אַ געוועהנליכע לייטער, כדי די לאָקאַטאָרען פון צווייטען שטאָק זאָל אהין אַרויפקריכען.

איך דראַפּע מיך אַרויף אויף דער לייטער, לעבעדיג אַרויפגעקומען און

איך פאַל פּשוט אַריין אין אַ לאָך

דעם יודס וואוינונג, איך האָב אויסגעמאָסטען דעם לאָך. 1 מעטער 63 צענטימעטער די לענג, 1 מעטער 37 די ברייט. דאָס איז די וואוינונג פון אַ פאַמיליע. קיין בעט קאָן פערשטעהט זיך דאָרט נישט אַריין האָט דער יוד זיך אַנ'עצה געגעבען צונויפ־געקלאַפּט פון איין וואַנד צו דער צווייטער עטליכע ברעטלעך און דאָרט שלאָפט די פרוי מיט 2 קינדער.

— וואו שלאָפט איהר פרעג איך דעם יוד?

— איך זיץ גאַנצע נעכט אויף אַ שטוהל. שוין צוויי יאָהר אַזוי איך האָב שוין בעקומען קראַנקע אויגען, אַז איך קען שוין נישט אַרבייטען, מען שטאַרבט פּשוט פון הונגער.

איז נישט קיין וואונדער, אַז דעם יוד זענען שוין אין פערלויף פון די צוויי יאָהר, וואָס ער וואוינט אין דער דירה,

געשטאָרבען 2 קינדער

אויף מלינאַרסקא 35. ווער עס וויל זאָל דאָס אָנרופען אַ שטוב, ווער עס וויל זאָל גלויבען, אַז

מענשען קענען דאָרט וואוינען, איך אליין גלויב נישט אין דעם. איך פערשטעה דאָס נישט.

אויפ'ן דאַך לעבער אין די וועבד לעבער

ס'גיסט זיך פייכטקייט עמעדוויז, קיין זמיר, קיין פענסטער, קיין פּאָדלאָגע. פאַר דעם צאָהלט דער יוד, דער שוסטער 20 זל. אַ קוואַרטאַל, דער שוסטער, וועלכע לעבט איבער אַ גרויסע טראַגעדיע האָט נישט פּינקטליך געצאָהלט דער ווירט האָט איינגעגעבען אין געריכט, און אַרויסבעקומען אַנ'עקסמיסיע, די עקסמיסיע וועט אויסגעפיהרט ווערען דעם 1. סעפּטעמבער.

דער שוסטער האָט 3 קינדער: פון 6, 4 און 3 יאָהר. מיט 2 יאָהר צוריק איז

זיין פרוי משוגע-געוואָרען

און זי געפינט זיך ער-היום אין קאָכאַנובקא. אין דערהיים געפינט זיך נאָך דער שוסטערס אַ מוטער, אַנ'אלמנה וועלכע פערנעהמט זיך מיט די קינדער.

אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ סוכה, נאָך יום־טוב בעטראַכט זיך דער ווירט: צו וואָס זאָל ער פונאַנ־דערנעהמען די ברעטער פון דער סוכה, אַז ער קען נאָר אַראָפּנעהמען דעם סכך, צודעקען מיט עטליכע ברעטלעך און ס'וועט זיין אַ פערטיגע דירה פאַר אַ פאַמיליע. גערעדט און געטון און באַלד האָט זיך געפונען אַ היימלאָזע יודישע פאַמיליע וועלכע האָט געדונגען די וואוינונג און געגעבען 300 זל. אָפּטרעט-געלד.

ווי אַזוי מ'וואוינט דאָרט? ווי אַזוי מ'האָט דאָרט איבערגעהאַלטען דעם לעצטען שווערען ווינטער? וואָס טוט מען, אַז עס רעגענט, אַז עס שנייט?

אויף דעם איז פערהאַן איין ענטפער: איהר זעהט דאָך? אָבער דאָס איז נישט די איינציגע וואוינונג אויף זשוראַוויא 10. אָט איז דאָרט נעש טאַנען

אַ קוילען-קאַמער

טראַכט זיך דער ווירט, אָרימעלייט האָבען סיי ווי־סיי נישט קיין קוילען אויף רעזערוו. און פערדינגט

אין איין פערען אַ הוספה אויב נישט, דראָהט ער מיט עקסמיסיע.

מוז מען צאָהלען און דאָס פּינקטליך, מאַכט נישט אויס, אַז די ווענד זענען נישט פון האָלץ, נאָר דאָרט, וואו די ברעטלעך פון דער קאַמער האָבען מעהר נישט אויסגעהאַלטען און זענען אַרויס־געפאַלען, האָט דער ווירט רעפּערירט דורך צושלאָגען פּשוטע טעקטור-בלעטער. מאַכט נישט אויס, אַז דער סופיט איז פון טעקטור, צאָהלען מוז מען און פּינקטליך, אי, ס'איז נישטאָ, וועמען אַרט דאָס!

— אַז מ'וואוינט אין אַ דירה — זאָגט דער ווירט — מוז מען צאָהלען.

אין אַ ליק

— וועט איהר אונז ערלויבען צו פאָטאָגראַפירען אייער אַזוי־גערופענער וואוינונג. געהען מיר צו צו אַ יוד אויף ספּאַצעראָווא גאַס?

— נו, וואָס וועל איך האָבען דערפון?... אי־בעריגענס, איז עס אָנבעלאַנג פון מיין ווירט. איך וויל נישט אָנהויבען מיט איהם. איך בין צופרידען, אַז איך וואוין אונטער אַ דאַך. געווען מיך אַרומ־געוואַרגעלט מיט מיינע קינדער אונטער'ן פרייען הימעל נאָך די לעצטע עקסמיסיע. איך וויל נישט מעהר דערלעבען דערצו.

דערווייל קוקען מיר אַריין אין דער „וואוינונג" פון דעם יוד, צווישען איין הויז און צווייטען, איז אַמאָל געווען אַ ליק אַדורכצוגעהען, אין דער ברייט האָבען דאָרט געקענט געהען נישט מעהר ווי צוויי פערזאָן. מען מוז אָבער אויסנוצען יעדע געלעגענ־הייט און יעדעס שטיקעל אָרט, האָט דער ווירט פון יענעם הויז אַזוי געטון. ער האָט פון איין זייט אַוועקגעשטעלט אַ הילצערן ווענטעל, דער אַריינ־גאַנג איז פון גאַס און ס'איז פערטיג אַ שטוב, פון איין הויף אין צווייטען קען מען געהען אַרום. דערווייל האָט ער געהאַט צו פערדינגען אַ וואוי־נונג, אין דער דאָזיגער „שטוב" וואו צוויי מענשען קענען אין דער ברייט נישט אַדורכגעהען, האָבען מיר געזעהען פאָלגענדעס בילד:

דער מאַן איז געזעסען ביים שוסטער־בענקעל און געאַרבייט, דאָס ווייב האָט געוואַשען וועש (עפּיס מאָרגען, אומעטום, אין יעדער שטוב און באַלעבאַטעשט מען), איין קינד איז געלעגען קראַנק אין בעט און דאָס צווייטע, אַ נאַר קליינס, אין אַ כמו־וויגעל ווי אַזוי דאָס איז מעגליך? דאָ בלייבט שוין שטעהען דער מענשליכער געדאַנק. דאָס איז דער גרויסער נס, וואָס איז גורם, אַז די מענשען זאָלען ווייטער לעבען און אפילו קינדלען. דאָס איז דער גרויסער נס וואָס לאָזט זיך מיט גאָרנישט פערטייטשען, און דער יוד זאָגט צו אונז:

— מילא ס'איז ערגער געווען, דען מען איז געלעגען אונטער'ן פרייען הימעל. איצט איז מען דאָך צוגעדעקט מיט אַ דאַך, און דער אויבער־שטער וועט אונז ווייטער העלפען. 3

דער ווירט האָט נישט ערלויבט צו פאָטאָגראַפירען דעם יוד'ס „וואוינונג" דאָס איז אַ שאַנד.

אַ שטוב פון אַ געוועזענע קוילען-קאַמער אויף מלינאַרסקא 35.

פאָטאָ ה. סראָקאַ

אַ שטיקעל ברויט איז אַ זעלטענהייט אין דער דאָזיגער שטוב. האָט דער שוסטער נישט געקאָנט צוזעהען דאָס אומגליק, נישט זעהען ווי די קינדער און זיין מאַמע געהען בוכשטעבליך אויס פון הונגער, נישט געקאָנט פערטראָגען דאָס אומגליק פון זיין פרוי האָט ער זיך מישב געווען און

איז אַוועק פון דערהיים

און מ'ווייסט נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

— ער האָט זיך איבער דאָס לעבען גענומען ווייַנט די אַלטע מאַמע און זוכט, וואו צו געהמען כאָטש איינמאָל אין טאָג צו אַ שטיקעל ברויט פאַר די קליינע אייניקלעך.

אַזוי יצט זי און וואַרט ביז'ן ערשטען סעפּטעמבער. ווען דער קריסטליכער הויז־ווירט וועט אויספיהרען די עקסמיסיע און נאָך זיבער נעהמען אָפּטרעט געלד פאַר דער דאָזיגער „דירה".

פון אַ סוכה אַ שטוב

דאָס איז נישט'ן קיין ווין, הלמאי אויף זשור־

ראַוויא 10 האָט זיך דער ווירט פאַראַיאָהרען סוכות די קאַמער אויף — אַ דירה. און אַ דירה, אָהן פּאָדלאָגע, איז שלעכט אָהן סופיט — איז שלעכט, אבי מ'וואוינט!

אויסגעשניטען מיט אַ זעג אַ לאָך אַ נאָמען געגעבען: פענסטער, מ'נעהמט דירה־געלד און ס'וואוינט דאָרט אַ וועבער מיט אַ פרוי און דריי קליינע קינדער, דאָס מעבעל בעשטעהט פון איין בעט און אַ שענקעל.

דאַרף מען וואַשען די וועש, מוז מען די באַליע אַרויפ־שטעלען אויפ'ן בעט

און דאַרף מע טרוקענען די וועש, מוז מען זי אַוועקטראָגען אויף אַ קילאָמעטער ווייט, וואו ס'־וואוינט דעם וועבערס מוטער, און דער ווירט האַלט

גרויסע שרפות אין קורעניעץ און אין ראדזין

אפגעברענט 2 גאסען מיט 60 הייזער אין קורעניעץ—45 הייזער אין ראדזין

פון ווילנע שרייבט מען:

אין שטעטעל קורעניץ (7 קילאמעטער נעבען ווילייקע) איז פארגעקומען א שרפה.

די שרפה איז אויסגעבראכען אין א הילצערנער שטוב האט זיך בליץ־שנעל פערשפרייט און ארומ־געכאפט צוויי גאסען סמארגאנער און ווילייקער.

גראד איז געווען א מארק־טאג. די פלוצ־לונגע שרפה האט ארויסגערופען א גרויסע מהומה. די קורעניצער איינוואוינער האבען אנגעהויבען ארויס צוטראגען פון זייערע הייזער זייער האב און גוטס.

א דאנק דער ענערגישער אקציע פון דער ווילייקער פייערלעשער־קאמאנדע און דער הילף פון דער גרעניץ־וואך איז די שרפה געלונגען צו ליקווידירען און אפצוראטעווען די ארומיגע גאסען.

ס'זענען אפגעברענט געווארען 60 הייזער צו־זאמען מיט פערשידענע אנדערע בנינים. פון דער אלגעמיינער צאהל אפגעברענטע הייזער זענען 23 יודישע, סמארגאנער און ווילייקער גאסען זענען זייטיגע, אזוי, אז דער צענטער שטעטעל איז געבליבען גאנץ. ס'האט אויך אפגעברענט דער פאליציי־פאס־טערונעק, צו קיין מענשליכע קרבנות איז צום גליק נישט געקומען, פיל יודישע משפחות זענען אבער גע־ווארען פעראומגליקליכט.

בעת דער שרפה האבען זיך אפגעשפילט הארצ־רייסענדע סצענעס. מענשען האבען געבראכען די הענד און ביטער געוויינט, וועהענדיג ווי זייער גאנצע גוטס און האב אויף וואס זיי האבען אזוי פיל יאהר שווער געהארעוועט, געהט אוועק מיט'ן רויך.

דער פייער האט אויך פערניכטעט די טעלע־פאנישע און טעלעגראפישע פערבינדונג מיט קו־רעניעץ.

בעת דער גרויסער מהומה, ווען די איינוואוי־נער האבען אנגעהויבען ארויסצוטראגען פון די הייזער, וואס זענען געווען בעדראהט פון פייער, זייער האב און גוטס האבען גענאסען די גנבים, וועלכע האבען אפגעלעקט א ביינדעל.

די היזקות זענען זעהר גרויס. די גענויע צי־פער איז נאך דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געווא־רען.

די פאליצייאישע אויספארשונג האט פעסט־געשטעלט, אז די שרפה איז ענטשטאנען צוליב'ן אומפארזיכטיגען בעגעהן זיך מיט פייער.

קורעניעץ ברענט נישט דאס ערשטע מאל. מיט עטליכע יאהר צוריק האט דארט אפגעברענט גאנצע 300 הייזער. פון דאן אן האט דאס שטעטעל אפגעבויט זיך אין מויערן. איצט האט דאס פייער געמאכט א סוף צו די איבעריגע הילצערנע הייזער, וועלכע זענען פערבליבען אומבעריהרט פון דער ערשטער שרפה.

לובלין, 18 (טעלעפאניש) מיטוואך ביינאכט האט אין ראדזין אויסגעבראכען א שרפה. ס'זענען פערברענט געווארען אויפ'ן אויסגערופענעם ערשטען מארק 45 וואוין־הייזער.

אין די הייזער זענען אין פארטער געווען איינ־געארדענט געוועלבער און אויפ'ן שטאק — וואוי־נונגען. הונדערט פאמיליעס זענען געבליבען הפקר. ס'איז געשאפען געווארען א רעטונגס־קאמיטעט, אויפ'ן ארט זענען ארויסגעפאהרען פערטרעטער פון דער מאכט.

זעלבסטמארד צוליב אנטיסעמיטיזם

מאסקווא, 18 (י.ט.א. טעלעגראפיש) אינז קאפלאן, וואס האט געארבייט אויף די גלאז־פאב־ריק איז בעגאנגען זעלבסטמארד, ווייל ער האט נישט געקענט איבערטראגען די אנטיסעמיטישע פערפאלגונגען, וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן.

וואר־נו־נג!

צוליב דעם וואס א געוויסע פערזאן בעמיהט זיך לעצטענס צו בעהאלטען אונטער'ן מאנטעל פון מיין איבעראל בעקאנטע פירמע, וועלענ־דיג אזוי ארום אריינפיהרען אין א טעות די געעהרטע קונדשאפט, ווארן איך דערמיט, אז מיין געעהרטע קליענטעלע זאל זיך נישט לאזען פון קיינעם פערפיהרען. מיט דער דערמאהנטער פערזאן האב איך קיין שום געמיינזאמעס נישט. דאגעגען מיינע זייט יאהרען עקזיסטי־רענדע מעבעל=פאבריק געפינט זיך ווי ביז איצט אויפ'ן זעלבען ארט:

נארוטאוויטשא (דזשעלנא) 12 אין הויף.

קיין שום פיליעס בעזיץ איך נישט.

מאכענדיג וועגען דעם אויבענדערמאנטען אויפמערקזאם די געעהרטע קונדשאפט, האב איך גלייכצייטיג די געלעגענהייט צו מעלדען, אז איך בעזיץ איצטער אויפ'ן לאגער א גרויסען אויסוואהל פון פאלירטע און דעמבאווע

קאמפלעטע איינריכטונגען — ווי אויך פערשידענע — **ענצעלע מעבעל־שטיקער**

צוליב דעם דויערענדען קריזיס האב איך **בעדייטענד פערקלענערט די פרייזען**

האפענדיג, דאס די געעהרטע קונדשאפט וועט מיר, ווי ביז איצט אויך ווייטער שענקען דעם פולסטען צוטרוי, פערבלייב איך מיט אכטונג

FABRYKA MEBLI
I. M. TERKELTAUB
NARUTOWICZA 12
w podwórzu

א הערצליכען מזל־טוב!

ווינשען מיר אונזער פערוואלטונגס מיטגליד ה'

מ. פראשקער און פרוי

צום געבורט פון זייער ניי־געבוירענעם

זוהן.

מיר ווינשען זיי א גרינגע דערציהונג.

די פערוואלטונג פון „נותן לחם".

CIECHOCINEK

וולאצלאווסקא=גאס — ווילא „Wiktorja"

Dr. med. W. Łaski

אינערליכע און קינדער=קראנקהייטען

נעמט אן פון 1-טען יוני 1929. 2728

Dr. med.

M. Rubinlicht

אינערליכע און קינדער=קראנקהייטען.

וואסכאדניא 23, טעל. 68=00

נעהמט אן פון 12—2 מיטאג און פון 7—$8^1/_2$ אוו.

מיר טיילען זיך מיט'ן צער פון אונזער חבר און פאך קאמיטאנט **אברהם סטריכאזש** צוליבן טויט פון זיין

פאטער

די פאך=קאמיסיע

פון מענער־מאגאזין־שניידער

ביים האנטווערקער־פאריין, אגרודאווא 9

צו דער פערלאבונג פון מיין ליבע שוועסטער

בעלא קארנטייער

מיט ה' **מאריץ צינאמאן**

ווינשען פיל גליק און צופרידענהייט

ברודער יוליוש קארנטייער און כלה

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינדין

פרל. **בעלא קארנטייער**

מיט ה' **מאריץ צינאמאן**

גראטולירען הערצליך און ווינשען א גליקליכע צוקונפט.

יחיאל פרענקעל
און רובין קאקאשינסקי

א גליקליכע רייזע!

צוליב'ן אפפאהר אויף קורציע פון אונזער געעהרטען פרעזעס ה'

יהודה יוסף אדלער

ווינשען מיר איהם א גליקליכע נסיעה און א גוטע ערהאלונג

די פערוואלטונג

פון הורטאווניקעס שעכטער־פאריין

פאדזשעטשנא 10.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען שוועסטערן זוהן

ה' **לעאן מארקאוויטש**

מיט פרל. **מאניא גאלדבערג**

ווינשען א הערצליכען מזל־טוב און א גליקליכע צוקונפט

אנקעל יוסף ציגעלבערג און פרוי,
„ אהרן גאטהיינער און פרוי,
„ דוד גאטהיינער און פרוי.

לאדזשער שטאט טעאטער

צענעלניאנא 63.

גאסטראלן פון דער

ווילנער טרופע

יאר XIV — אנס. מ. מזאה. — יאר XIV

מארגן שבת, דעם 20 יולי, זונטיק, דעם 21 יולי, מאנטיק, דעם 22 יולי

אוונט 8,30

„קדוש השם"

פאעמא

בעארבעט פאר דער בינע פון מיכאל ווייכערט. דעקאראציעס און קאסטיו־מען: וו. וויינטרויב. מוזיק: ה. קאן. טענץ און פלאסטיק: שוועסטער ראם.

באטייליקן זיך: פרויען: מרים ארלעסקא, אסתר גאלדענבערג, יוכבד ווייסליץ, נעמי נאטאן, דינה קאמען, א.א. מענער: דוד בירנבוים, בערג, חיים בראקארזש, זלמן הירש־פעלד, יעקב ווייסליץ, יעקב מאנסדארף, שמחה נאטאן, יוסף קאמען, יעקב קורלענדער.

בילעטן־פארפארקויף אין באשטע ־קאסע אין גאסטאמסקיס צוקערניע פון 10 פרי ביז 7 אוונט. פון 7 אוונט בא דער טעאטער־קאסע. פרייזן פון די פלעצער פון 1 ביז 10 זל.

ט.א.ז. ט.א.ז. ט.א.ז. ט.א.ז. ט.א.ז.

מארגען שבת, דעם 20-טען, און איבערמארגען זונטאג, דעם 21-טען ד. ח. קומט פאר אויף די זומער־קאלאניעס פון ט.א.ז. קזשיזשובקא, אויף ווישניאווא גורא

א גרויסע גארטען־פערוויילונג

פערבונדען מיט פערשידענע אטראקציעס, צוו. אנד.: 2 מיליטער־ארקעסטערן, א רייך־פערזעהענער בופעט, דאנסינג, סערפענטין, קאנפעטי, אמעריק. לאטעריע. טענץ ביז פריה. שענהייטס־קאנקורס. אויסוואהל פון דער שענהייט פון ווישניאווא־גורא. אנהויב 8 א זייגער אווענד. קינדער־צוג ביי די קלאנגען פון מיליטער־ארקעסטערס. אנהויב פון דער קינדער־פערוויילונג 3 נאכמ. ◆◆ בילעטען פון 1 זל. ביז 3 זל.

יודישער פראפ. מאגאזין=שניידער=מייסטער=פעראיין, אל. 1 מאי 2.

אכטונג, דאמען=מאגאזין=שניידער!

מאנטאג, דעם 22-טען ה. ח. 8 א זייגער אווענד קומט פאר

אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון פאך

וועגען בעהאנדלען די פראגע פון ווינטער=סעזאן.

צוליב די וויכטיגקייט מוזען אלע קומען.

פאך=קאמיסיע פון דאמען=מאגאזין.

בעמ.: אלע חברים, וואס געפינען זיך אויסער לאדז, זאלען אומבעדינגט קומען.

אויפ'ן זומער=סעזאן

קיהלונגס=געטרענקע

BUZA־ ברויט־קוואס

די בעסטע לאדעם

ווי אויך פערשידענע זיסינקייטען

Z. ANGIELEWICZ, 8 Narutowicza 8

מאשין־לעכער

[illegible]

ג. נארדוטאן צעגעלניאנא 29

ווער עס בעזיצט פראטעסטען

פון משה געבראוויטש פון יענדזשעוו

זאל זיך קומען מעלדען אין סוחרים=פעראיין, פיעטריקאווער 10 זונטאג פון 5 ביז 8 אין אווענד.

יודישעס באנק=הויז

Boris Sokolower

BANKGESCHÄFT

DANZIG, Langenmarkt Nr. 26, – Telefon 265-30

Telegrammadresse: „INTERNA". — P. K. O. Nr. 191275. Gegr. 1920

אינקאסא פון וועקסלען, פראכטען און דאקומענטען אויף דאנציג, אלעס ווערט תיכף ערלעדיגט אויף ביליגע בעדינגונגען, געלד־איבערזענדונגען אין דער גאנצער וועלט

ספעציעל ביליגע קאנדיציעס פאר אלע יודישע בענק

קארעספאנדענץ ווערט געפיהרט אין פאלגענדע שפראכען:

יודיש, פויליש, דייטש, רוסיש, ענגליש און פראנצויזיש.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

19 פרייטאג — יא תמוז תרפ"ט

יולי

זון-אויפגאנג 3.33
זון-אונטערגאנג 7.50

ליכט-צינדען: 7.27

דעלעגאציע פון „פראצא" ביי'ם וואיעוואדע

וועגען אונטערשטיצונגען און אנדערע אקטועלע ארבייטער ענינים

(2 נעכטען איז צום וואיעוואדע יאשטשאלט געקומען א דעלעגאציע פון טעקסטיל-פאראיין „פראצא" און האט אינטערוועניערט וועגען אויסצאהלען אונטערשטיצונגען די ארבייטער, וואס ארבייטען נאר 2 אדער 3 טעג אין וואך, וועגען ווייטער ארויסגעבען דרינגענדע אונטערשטיצונגען און וועגען דעם טערמין פון אויסצאהלען די אונטערשטיצונגען. די דעלעגאציע האט אנגעוויזען, אז דאס ארבייטס-מיניסטעריום האט שוין ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג וועגען אויסצאהלען אונטערשטיצונגען פאר די ארבייטער, וואס ארבייטען צו 2 אדער 3 טעג א וואך. ביז איצט האט אבער דער לאדזער ארבייטסלאזער פאנד די דאזיגע פעראָרדנונג נישט בעקומען. די דעלעגאציע האט אויך אנגעוויזען אויף די קאטאסטראפאלער לאגע פון די קאטעגאריע ארבייטער, וועלכע האבען ביז איצט בעקומען דרינגענדע אונטערשטיצונגען און איצט זענען די דאזיגע אונטערשטיצונגען אפגעשטעלט געווארען.

דער וואיעוואדע האט געענטפערט, אז די ארבייטער, וועלכע האבען ביז איצט בעקומען דרינגענדע אונטערשטיצונגען וועלען איצט בעקומען אין מאגיסטראט עפענטליכע ארבייט, ווייל די רעגירונג גיט צו דעם צוועק דעם מאגיסטראט 50 טויזענד זלאטיס א חודש. וואס שייך די אויסצאהלונגען פאר ארבייטער, וועלכע ארבייטען צו האלבע וואכען וועט זיך דער וואיעוואדע וועגען דעם פערשטענדיגען מיט'ן ארבייטסלאזען פאנד.

די דעלעגאציע האט זיך דאן אפגעשטעלט אויפ'ן אלגעמיינעם קריזיס אין לאנד און האט אנגעוויזען, אז פיל אינדוסטריעלער וואלטען געלאזען זייערע פאבריקען אין גאנג אין פערלויף פון א גאנצע וואך, דער אינדוסטריעלער-פערבאנד האט אבער ארויסגעשיקט א צירקולאר צו זיינע מיטגלידער, אז זיי זאלען נישט ארבייטען מעהר, ווי 3 ביז 4 טעג א וואך. די דעלעגאציע האט אנגעוויזען, אז די רעגירונג דארף זיך מיט דעם דאזיגען ענין פאראינטערעסירען.

די דעלעגאציע האט ווייטער אנגעוויזען, אז די שווערע לאגע פון די ארבייטער ווערט אויסגענוצט דורך די קאמוניסטען און זיי האבען ארויסגעגעבען אויפרופען איינצואָרדנען אומלעגאלע מיטינגען.

דער וואיעוואדע האט אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג צוליב דעם צירקולאר פון די אינדוסטריעלער וועגען נישט ארבייטען די גאנצע וואך און האט צוגעזאגט מיט דעם ענין זיך צו פאראינטערעסירען.

אלעבעדיג, צאצקעדיג ווייבערע

און דריי מענער: נומער 0, נומער 1 און נומער 2

פערהאן אין לאדז א פאבריקאנט, וועלכער איז שוין, ווי מ'זאגט אויף לאדזעריש לשון, פולשטענדיג ערלעדיגט, דאס הייסט ער האט געהאט א גרויסע פאבריק, געווען רייך, ברייט געלעבט, געווען א כלל-טוער, ענדליך בּאנקראטירט און דאס געריכט האט איהם ערקלערט „צו'אופאדלאשטש".

צו די אלע מעלות, וואס מיר האבען שוין אויסגערעכענט אונזער פאבריקאנט דארף מען צונעמען נאך איינע, א חוץ א פרוי און קינדער, האט ער אויך געהאט א שטיקעל זייטיגע „קאכאנקי", וועלכע וואוינט מיט א מאן אויף אלטשטאט. דאס סייערע ווייבעל ווידער, דעם פאבריקאנטס „קאכאנקא" האט ווייניג געהאט איין מאן און איין „קאכאנעק" און זי האט זיך נאך אונטערגעליבט מיט א ווארשאווער יונגערמאן, וועלכער האט געוואוינט ביי איהר אין דער וואוינונג אלס סובלאקאטאר. ס'פערשטעהט זיך, אז דאס צאצקעדיגע ווייבעל האט אזוי איינגעאָרדנעט, אז איינער זאל נישט וויסען פון צווייטען, זי האט פאר יעדען פון איהר דרילינג געפונען אנ'ענטשפרעכענדע צייט צום פערברענגען און אמוזירען זיך.

קיין מתנות האבען דעם ווייבעל נישט געפעהלט. זי האט דאס בעקומען כיד המלך אי פון דעם פאבריקאנט, אי פון דעם סובלאקאטאר, וואס פאר'ן תירוץ דאס ווייבעל האט געזאגט דעם מאן מכוח איהרע מתנות, דאס ווייסען מיר נישט, ווייל דאס געהער אזוי-צו-זאגען צו די אינטימע פאמיליען פערהעלטנישען.

אזוי האט זיך געפיהרט א לענגערע צייט.

דאס רעדעל ביים פאבריקאנט האט זיך איבערגעדרעהט, ס'האט אנגעהויבען צו געהען מיט דער פוטער ארא און דער פאבריקאנט האט אויפגעהערט צו ברענגען מתנות. דאס איז דעם ווייבעל געווארען זעהר אויפפאלענד, און זי האט וועגען דעם אנגעפרעגט איהר קאכאנעק נומער 1 (אזוי וועלען מיר אנרופען דעם פאבריקאנט).

יענער האט נישט געהאט קיין אנדער עצה: האט ער דערצעהלט דעם ווייבעל, אז ס'געהט איהם זעהר שלעכט און ער האלט פאר א באנקראט. אונזער ליבענדע פרויענצימער איז נישט געווען אזוי-ווי אנדערע, זי האט דעם „קאכאנעק" נומער 1 נישט ארויסגעטריבען, נאר, אדרבה, האט איהם געטרייסט און געגעשעשעט, און פלוצלונג איז זי נאר געפאלען אויף א המצאה. אזוי-ווי זי האט א בעקאנטען א דיסקאנטער, זאל דער קאכאנעק נומער 1 ברענגען וועקסלען און זי וועט זיי שוין פאר איהם דיסקאנטירען און דערביי פאר זיך אראפנעהמען א חלק. איצט איז שוין צייט צו בעמערקען, אז מיט דיסקאנטא האט זיך פערנומען נישט קיין אנדערער, ווי דעם ווייבעל'ס סובלאקאטאר, דער „קאכאנעק" נומער 2. איצט האט זיך אנגעהויבען דאס שפיל. דער „קאכאנעק" נומער 1 האט געבראכט וועקסלען, האט זיי איבערגעגעבען זיין געליבטער, וועלכע האט די וועקסלען דיסקאנטירט ביים נומער 2 און א טייל פון געלד איבערגעגעבען דעם נומער 1.

מיט עטליכע וואכען צוריק האט דער נומער 1, ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען באנקראטירט, פון דער נומער 2 איז ארייננגעפאלען מיט א סך געלד. די קאכאנקע האט איהם אבער געטרייסט, און דער דיסקאנטער האט בעשלאסען צו ווארטען אויף זיין געלד אויף בעסערע צייטען.

נעכטען אינדערפריה איז דעם ווייבעלס מאן, ווי געוועהנליך, אוועקגעפאהרען אויף דער רייזע. וועגען דעם האבען געוואוסט סיי דער נומער 1, סיי דער נומער 2, און ביידע האבען בעשלאסען זיך ארויסצושלאגען פון קאפ די צרות דורך פרעהליכען פערברענגען מיט דעם ווייבעל.

דער ערשטער איז געקומען דער נומער 1.

דאס ווייבעל האט איהם זעהר גוט אויפגענומען און דאס פארל האט זעהר גוט פערברענגט.

דערווייל האט דער נומער 2 איינגעקויפט אין נאס גוטע זאכען און איז אויך אוועק צו זיין געליבטער.

ווען ער איז ארייננגעקומען אין שטוב, איז איהם נישט גוט געווארען: ער האט געטראפען דעם באנקראטניק, אין א נישט-צוויי-דייטיגער פאזע מיט זיין געליבטער. ווען דער באנקראטניק און דער פראצענטניק האבען זיך געטראפען פנים אל פנים מיט דער בשותפות'דיגער געליבטער איז געקומען צו א געוואלדיגער אוואנטורע.

גאנץ אלט-שטאט איז געווען אויף איין ארט.

ביידע ענטוישטע ליבהאבער האבען זיך דערווייל פערפאהרען אין באק אריין און מ'האט געמוזט ארויסרופען פאליציי, וועלכע האט ערשט ליקווידירט די אוואנטורע.

קאכט זיך איצט מיט דער דאזיגער מעשה פון אלטשטאט ביז ווילקע.

פון האנדעלס-געריכט

פראלאנגירט די צאָלונגען די פירמעס „ברונא ריזענבערג", „קוואשנער און לינדערפעלד" און „פינקוס טשערנילאווסקי"

דאס האנדעלס-געריכט האט נעכטען בעטראכט די וועגדונג פון דער פירמא „ברונא ראזענבערג" וועגען פראלאנגירען איהר די צאהלונגען. די פירמע עקזיסטירט זייט 1919 י. דאס געריכט האט די וועגדונג בעפרידיגט.

ס'איז אויך בעפרידיגט געווארען די עהנליכע וועגדונג פון דער פירמע פ. טשערנילאווסקי (ווסכאָדניא 72) די פירמע האט 4000 בעל חובות, פון וועלכע ס'קומט איהר 411, 387 זל. שולדיג איז זי 285,397 זל.

אויף דער וועלכער זיצונג איז אויך בעטראכט געווארען די וועגדונג פון דער פירמע קוואשנער און לינדערפעלד, פאבריק פון וואהלענע האלב-וואהלענע אויסארבייטונגען. די פירמע עקזיסטירט זייט דעם יאהר 1888 בעתץ קריג האבען די דייטשע אקופאנטען רעקווירירט סחורות אויף 60,000 רובל און אין רוסלאנד זענען פערלוירען געגאנגען 400,000 רובל חובות. די וועגדונג וועגען פראלאנגירען די צאהלונגען איז בעפרידיגט געווארען.

פערוואונדעט א פאליציאנט

בעת א געיעג נאך גנבים

(2) מיטוואך ביינאכט האבען פאליציאנטען בעמערקט ווי עפיס 3 פערדעכטיגע פערשוינען וילען זיך אריבערקריגען איבערן פלויט פון דווארסקא 34, איינער פון די פאליציאנטען האט אויסגערופען אז די אונבעקאנטע זאלען בלייבען שטעהען. הערויף האט איינער פון זיי אויסגעשאסען און פערוואונדעט דעם פאליציאנט אין ברוסט. די פאליציאנטען האבען זיך געלאזט נאכלויפען נאך די פערברעכער און האבען איינעם פון זיי פאצלאוו שקלארעק, געכאפט.

בעת דער אויספארשונג האט ער דערצעהלט אז צוזאמען מיט זיינע חברים האט ער געפלאנט צו בע'גנב'ענען א פאבריק אויף דוואָרסקא. נעכטען האט די פאליציי ארעסטירט אויך דעם צווייטען פון די גנבים, מעטשיסלאוו יאקובאווסקי.

דער פערוואונדעטער פאליציאנט הייסט סטאניסלאוו קאטשאנאווסקי. ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט האט איהם די קויל געטראפען אין דער רעכטער לונג. די פאנאטאוויע האט איהם אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל „שנ. יוזעף".

ווער עס קויפט זונטאג

אין ווישניאווא-גורא

די אפצייכנונג

דער שטיצט די ארימע קינדער

„מלבוש ערומים"

צוליב צוויי מיין

האט זיך אפגעשטעלט די לאדזער עלעקטראווניע

(2) עהערנעכטען האט זיך אין טאג פלוצלינג אפגעשטעלט די עלעקטראווניע און די גאנצע שטאט האט נישט געהאט קיין שטראם. ווען די אינזשיניערען האבען נאכקאנטראלירט די סיבה פון דעם פלוצלונגען זיך אפשטעלען פון די מאשינען האט זיך ארויסגעשטעלט, אז אין דער הויפט-מאשין האבען זיך ארייננגעקומען 2 מיין און די מאשין האט זיך אפגעשטעלט.

אומגליקספאל

ביי דער ארבייט

(2) אין דער קאראלער פאבריק האט א מאשין ארייננגעכאפט די האנד פון 52-יאהריגען ארבייטער אנטאני צעלער און איהם צעריסען, דעם אומגליקליכער האט די פאגאטאוויע אפגעפיהרט אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל.

73 פראצענט דירה-געלד

פאר איינשטוביגע וואוינונגען

(2) פון 1 יולי צאהלען די לאקאטארען פון איינשטוביגע וואוינונגען 73 פראצ. פונ'ם גרונד דירה געלד. פאר הוצאות (רייניגען די קוימענס, בעלייכטען די טרעפ, ארויספיהרען מיסט) דארפען די לאקאטארען שוין איצט נישט צאהלען.

העכערונג פון משאות-טאריפען אויף דער באהן

(2) פון 1 אקטאבער געהט אריין אין קראפט די נייע פעראָרדנונג וועגען העכערען די באהן-טאריפען, די העכערונג אויפן משאות-טאריף וועט בעטרעפען פון 15 ביז 20 פראצ.

סאניטארע אינספעקציעס אין רעסטאראנען

(מ) צוליב דעם, וואס זומער פערגרעסערט זיך די פרעקווענץ אין די רעסטאראציעס האט די סאניטארע אפטיילונג ביים מאגיסטראט פארגענומען א פערשטארקטע סאניטארע אינספעקציע אין אלע רעסטאראציעס, צוקערניעס א. אז. וו. ס'ווערט אויפגעפאסט וועגען דער סאניטאר'ער צושטאנד פון די לאקאלען זייערע איינאָרדנונגען און דער אופן פון פערהאלטען די פראדוקטען.

וועמען שטיצט דער מאגיסטראט?

(מ) צו דער אפטיילונג פאר געזעלשאפטליכער הילף ביים מאגיסטראט ווענדען זיך פיל פערזאנען וואס זענען בעשעפטיגט נישט קיין פולע וואכען און פערלאנגען פערשידענע אונטערשטיצונגען.

די טעטיגקייט פון דער אפטיילונג דארף קודם כל געווענדעט ווערען אויף קראנקע, ארבייטס-אינוואלידען, מוטערס, וועלכע דארפען אויסהאלטען גרויסע פאמיליעס א. א. וו. דעריבער איז די אפטיילונג פינאנציעל נישט בכוח צו ערטיילען הילף פאר פערזאנען, וואס זענען בעשעפטיגט 2 אדער 3 טאג אין וואך און זייערע ווענדונגען וועלען דעריבער נישט ערפילט ווערען.

די לאניוכאס

ווילן ענדערן זייערע פאמיליען-נעמען

(—) נאך דעם ווי ס'איז אויסגעפיהרט געווארען דער מארד איבערן פאר-פאלק טישער, איז די פאמיליע לאניוכא געווארען א שם דבר און ווערט שוין בענוצט אלס זידעל-ווארט. א רייהע פערזאנען וואס טראגען דעם פאמיליען נאמען לאניוכא, צווישען זיי אויך עטליכע פון זיינע קרובים האבען זיך געווענדעט דורך דער וואיעוואדזטווע צום איינערן-מיניסטעריום, אז מ'זאל זיי ערלויבען צו ענדערען זייער פאמיליע-נאמען.

שרפה אין יאהנס פאבריק

(—) נעכטען האט אויסגעבראכען א שרפה אין דער אייזען-גיסעריי פון יאהן פעטריקאווער 219. די ארבייטער האבען בעמערקט די שרפה און אליין זי אויסגעלאשען.

(—) אין דער רייסעריי פון אלשער אלעקסאנדראווסקא 131) האט זיך אנגעצונדען דאס בוימוואהל. די אנגעקומענע פייערלעשער האבען אין פערלויף פון א האלבער שעה דעם פייער איינגעלאשען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: עפשטיין, פעטריקאווער 225; בארטאשעווסקי, פעטריקאווער 95; ראזענבלום, צגעלניאנע 12; גארטיין, נאסבארניא 54; קאפראווסקי, באלאטשיעווסקא 15.

„נייער פאלקסבלאט"

קופאן № 13

אויף צו געווינען אומזיסט דאס בוך. ווערק:

„אין מערב קיין נייעס"

פון עריך מאריא רעמארק.

די ווילנער...

צו דעם אנקומען פון דער „ווילנער טרופע“ קיין לאדז

היינט האבען מיר אין לאדז חשוב׳ע געסט — דעם ווארשאווער גלגול פון דער אזוי-גערופענער „ווילנער טרופע“.

באמת, חשוב׳ע און ליבע געסט, ווארום אט דער לעצטער גלגול פון די „ווילנער“ האט מיטגעבראכט מיט זיך א פאנאש פון גאר א געהויבענעם ווערט: סצענישע געשטאלטונגען פון פרץ׳ס אש, שעקספיר, יעווריעינאוום, קלאבונדס ווערק.

אזא פאנאש רעדט ווערטער —

רעדט און דערצעהלט וועגען קינסטלערישער מה, וועגען רזיערהאפטיגקייט, וועגען יוגענדליכער פאטענץ, אפערוויליגקייט און — וואס דער עיקר איז — אידעען־ליניע.

טעאטער איז נישט בלויז געשיכטע, נישט אקטיארישער יחוס, נישט עלטער־סבאוש, נאר, אין דער ערשטער רייה — וואוקס און נאכוואוקס...

צי איז די „ווילנער טרופע“ געוואקסען פון דער צייט אן, וואס מיר האבען זי געזעהן?

— רעפערטואריש, זיכער יא!

האבען מיר, הייסט עס, איין פאזיטיווען עלעמענט.

רעזשיסעריש האבען געארבייט: הערמאן, וויי־בערט, טייטעלבוים —

האבען מיר גאראנטיע פאר פעראנטווארטליכקייט און ערנסט.

מוזיקאליש האבען מיטגעווירקט: אונזערע לאדזער הענעך קאן און יוסף קאמינסקי.

דער יודישער אינטעליגענטער מגנן פערלאזט זיך אויף זיי.

א. אז. ת. א. ו.

פרעגען זיך א סך איבערגעגעבענע פריינד און געניסער פון דער יודישער קולטור:

— סטייטש!? און וואו זענען, אייגענטליך, די ווילנער „ווילנער“ גופא? די ווילנער אקטיארען? אז ס׳איז גאר, דאכט זיך, קיין אייך־איינציגער ליטוואק אויף א שמעק טאבעק נישט געבליבען?!

— וואו זענען, פרעגט מען, אטא־די, וואס האבען דאס טעאטער געבויט —

די אייגענטליכע „ווילנער טרופע“, וואס איז אן׳איבערגעקעהרטע בלאט געשיכטע?

איז דער ערשטער תירוץ:

זייער גוטער אדער שלעכטער ווילען איז געווען, און זיי האבען זיך צושפרייט אויף שבעה ימים.

דער צווייטער תירוץ איז:

א טעאטער, מעג ער שטיין אויף דער העכסטער קולטור־מדרגה, איז א פרוזדור פאר גוטען אידעאישען טעאטער־אלען ווילען. (אן׳אויסנאהם פון שטאנדהאפטיגקייט איז סטאניסלאווסקים טעאטער, וואו דער צופלוס און אפפלוס איז, מחמת הויכער אינטעליגענץ, נישט אזוי קאנטיג, נישט אזוי גרילצענדיג אויפפאלענד).

קומען צו. און קומען אפ נייע כוחות, און בליהען אויף אונטער דעם איידעלען לאזונג, וואס הייסט:

— יודישער טעאטער־אידעאל!

ציכטיגע און

ליכטיגע קינסטלערישע פראדוקציע!

ועל כולם — דער ווילען צו זיין א בן־תורה ומעשים טובים!

ווען מיר זאלען פאראפראזירען דעם ווילנער גאון׳ס ווערטעל: „וויל נאר וועסטו זיין א ווילנער גאון“ — וועלען מיר זאגען: — וויל נאר, וועסטו ווערען אן׳אידעאישער ווילנער אקטיאר, און טראגען אויף זיך דעם חותם פון אונזער טייערער ווילנע, דעם ירושלים דליטא, וואס ארבייט מיט שכל און מיט אהבה וטהרה לטובת דער איינציגער יודישער קולטור!

ברוך הבא אייך, יונגע און יוגענדליכע „ווילנער“, וואס וועלען נישט פעראטען דעם גוטען ווילען!

בראדער זינגער.

אויספלוג פון ציריכער פראפעסארן און סטודענטען אין לאדז

(ב) סוף חודש קומט קיין לאדז אן׳אויספלוג פון ציריכער פראפעסארען און סטודענטען דער אויספלוג בעשטעהט פון 80 פערזאן און וועט פערווילען אין לאדז 2 טעג. ס׳האט זיך געבילדעט אן׳אויפנאהמס־קאמיטעט בראש מיט׳ן דירעקטאר פון דער עלעקטראווניע אינוש. אולמאן, וועלכער איז אמאל געווען פראפעסאר אין ציריכער פאליטעכניקום.

מארד אדער זעלבסטמארד?

געפונען א טויטע פרוי אין וואלד

(—) ביים קלויבען שוואמען האבען זיך די פויערטעס אין וואלד ביים דארף מעש הינטער פעטריקאוו אנגעשטויסען אויף א קערפער פון א פרוי. די אנגעקומענע פאליציי האט פעסטגעשטעלט, אז די טויטע איז די פרוי פונ׳ם פאליציאנט לושינסקי. די פאליציי פיהרט אן׳אויספארשונג כדי פעסטצושטעלען צי ס׳איז געשעהען א מארד, אדער א זעלבסטמארד. לושטשינסקי האט ערקלערט, אז די פרוי איז אינערפריה ארויס זאמלען יאגארעס. לעבען קערפער האט מע געפונען א קריגעל מיט יאגארעס און א שטיקעל ברויט.

ידיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.

נור איינינע גאסטראלען
פון קינסטלער־פאר פון מאסקווער גראנאווסקי׳ס קונסט־טעאטער

מאריס לאמפע
און די זינגערין
פאניא מענדעלעוויטש
— מיט׳ן אנטייל פון —
ווארשאווער קאמיקער
א. אייזענבערג

שבת, דעם 20-טען יולי 4 נאכמיטאג און 9 אווענד, זונטאג, דעם 21-טען יולי, מאנטאג, דעם 22-טען יולי, דינסטאג, דעם 23-טען יולי, 9 א זייגער אווענד

פרייזען פון 80 גראשען ביז 3 גילדען

פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין לאדז פרעמיערע!

דער שלאגער פון היינטיגען סעזאן! גרויסע אויפפיהרונג פון גראנאווסקי׳ס קונסט-טעאטער

טוביה דער מילכיגער

אין 4 אקטען מיט געזאנג פון אונזער פאלקס-שרייבער שלום-עליכם

הויפט-ראל טוביה — מאריס לאמפע, צייטעל — פאניא מענדעלעוויטש.

ס׳נעמט אנטייל דאס גאנצע פערסאנאל. בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע

אדמיניסטראטאר: מ. ארנוואלד. מוזיקאלישער לייטער: ל. זעלמאן.

אנאנס! אין פאר-בערייטונג 200,000 און סטעמפעניו פון שלום עליכם

א נישט־דערגאנגען איידעמעל אויף קעסט

אזא צוקונפטיגער שווער מוז שוין האבען א שווער געמיט נעבעך...

(2) אויף פיעטרקאווער 69 האט זייט א לענגערע צייט געהאט א לאגער פון זיידען-צייג א געוויסער אלפרעד פ. צוליב דעם אלגעמיינעם קריזיס האט דאס געשעפט לעצטענס אנגעהויבען שלעכט צו געהען. מיט א געוויסער צייט האט פ. תנאים געשריבען מיט א רייך פריילין ג.

פ. איז אויך שולדיג געווען פאר שטייערען און מיט א צייט צוריק האט דער שטייער-אמט פערזיגעלט פאר׳ן שטייער-חוב די סחורה, וואס האט זיך געפונען ביי פ. אין לאגער. עהערנעכטען האט זיך פ. געווענדעט צו זיין צוקונפטיגען שווער, אז ער זאל איהם אויסצאהלען א העלפט פון נדן ווייל ער מוז ראטעווען זיין געשעפט. ה׳ ג. האט מסכים געווען און האט אויסגעצאהלט דעם איידעם די פערלאנגטע סומע, דאן איז פ. אוועק אין געשעפט, אפגעריסען די פלאמבע פון שטייער-אמט, פערקויפט די סחורה, וועלכע מ׳האט גלייך אוועקגעפיהרט. נאכ׳ן אדורכפיהרען די דאזיגע אפעראציע איז פ. נעלם געווארען, מיטנעהמענדיג מיט זיך דאס געלד פאר דער פערקויפטער סחורה און א האלבען נדן פון זיין כלה. די דאזיגע סענסאציאנעלע אפערע האט געמאכט א געוואלדיגען רושם אין די סוחרישע קרייזען, מ׳זוכט איצט דעם ענטלאפענעם.

דער פלאן פון „גן אלבערט“ אין ארץ־ישראל

(—) מ׳טיילט אונז מיט האט דער בעקאנטער ארכיטעקט הירשענבערג פערענדיגט דעם פלאן פון דעם „גן אלבערט“ אין תל־אביב. דער ראזיגער פארק זאל נעבויט ווערען דורך פרעזעס פון דער ווידזעווער מאנופאקטור ה׳ אשר קאהן צום אנדענק פון זיין טראגיש אומגעקומענעם זוהן אלבערט.

ביים צוזאמענשטעלען און אויספערטיגען דעם פלאן האט אויך מיטגעארבייט די טאכטער פון ה׳ אברהם קאהן, פרל. קאהן, אן׳אינזשינערין.

דער פלאן זעהט פאראויס א פלאזשע ביים ים, טעראסען און 3 וואסער־פאלען. אויב דער פארק זאל אויסגעפיהרט ווערען לויט׳ן אויסגעפערטיגטען פלאן, וועט עס זיין איינער פון די שעהנסטע און פראכטפולסטע פארקען אין דער וועלט.

פרייע טריבונע

אפענער בריף צום פארזיצער פון דער קהלה-פערוואלטונג ה׳ מינצבערג

אויף איינע פון די לעצטע זיצונגען פון דער קהלה־פערוואלטונג האב איך געפרעגט:

צי איז ריכטיג, אז איהר, ה׳ מינצבערג האט פערבאטען די קהלה־אנגעשטעלטע מיר צו ווייזען די דאקומענטען פון דער פסח־אונטערשטיצונג פאר בכבוד׳יגע יודען און אויך וועמען די פערטיילונג איז געמאכט געווארען, אויף וואס איהר האט מיר געענטפערט: „יא, איך האב פערבאטען, און דאס האב איך געטון דערפאר, ווייל איהר האט געהאט די דרייסטקייט צו פערעפענטליכען די נעמען פון די ראזארעס, וועלכע האבען בעת דער פאראיאהריגער פסח־אקציע געגעבען איינעגע מענשען צו 50 און אפילו צו 2,50 זל. א פערזאן אין דער צייט ווען אן׳ארבייטער און א פאלקס־מענש האט בעקומען 8 זלאטים.

איך פערלאנג פון אייך, אז איהר זאלט עפענטליך ענטפערן: צי קאנען דאקומענטען פון קהלה־ווען זיין פערשלאסען פאר מיטגלידער פון דער פערוואלטונג?

2) ביי דער הייאהריגער פסח־אקציע האט איהר, ה׳ מינצבערג, פערשפרייט קלאגען, אז ביי די רעגיסטראציעס פון די ארבייטער־פעראיינען זענען געמאכט געווארען מיסברויכען, איהר האט זיך אפילו בעמיהט, אז וועגען די קלאגען זאל די לאדזער פרעסע שרייבען.

אויף דעם האב איך פארגעלייגט, אז עס זאל אויסגעקליבען ווערען א קאמיסיע פון דער פערוואלטונג, וועלכע זאל קאנטראלירען אלע רעגיסטראציעס און דערמאלט וועט זיך ארויסווייזען ווער עס מאכט מיסברויכען.

איהר האט מיין פערלאנג אפגעווארפען.

איך פאדער פון אייך עפענטליך צו דערקלערען, פאר וואס ווילט איהר נישט אזא קאמיסיע איינשטעלען?

3) צי האלט איהר פאר דערלאזבאר, אז ווען עס קומען סובאטניקעס, וועלכע וואוינען צוזאמען מיט 8—9 מענשען אין איין צימער און פערסמ׳ען מיט זייער קראנקהייט אלע ארומיגע, און בעת זיי בעטען שטיצע, בלייבען זיי אהן אן׳ענטפער און אין דערזעלבער צייט גיט איהר ארויס 380 זלאטים איינעם, וואס וואוינט אין 4 צימערן מיט א קוך, האט נאר 4 קינדער פון וועלכע 3 לערנען אין פריוואט־גימנאזיעם און איינער אין אוניווערזיטעט.

אויב איהר ה׳ מינצבערג, האלט דאס פאר יושר׳דיג, דאן זאגט דאס אויך עפענטליך און זאל די לאדזער יודישע בעפעלקערונג פון דעם וויסען!

מיט אכטונג

א ריים לוזער זעלמאנאוויטש.
מיטגליד פון דער קהלה־פערוואלטונג.

Dr. H. BERGSON

נעמט יעצט אן אין לעטשניצע „וויטא“, פיעטריקאווער 45 פון 4.30 ביז 5.30 נאכמ.; אין דערהיים עוואנגעליצקא 16 פון 6-7 טעל. 10-26.

קינא־טעאטער CASINO
איז געשלאסען
אויף דער צייט פון
גרינדליכען רעמאנט.

אינספעקציעס פון וואיעוואדע אויף דער פראווינץ

(—) נעכטען האט דער וואיעוואדע יאשטשאלט אין דער בעגלייטונג פון זיין פערזענליכען סעקרעטאר אדורכגעפיהרט אן׳אינספעקציע אין די גמינעס דאברא און באלוטש, לאסקער קרייז און אין גמינע ראטשאציצע שעראדזער קרייז. די רעזולטאטען זענען צופרידענשטעלענדע.

דער וואיעוואדע האט אויך בעזוכט, דאס שטעטעל שאדעק, וואו ער האט פעסטגעשטעלט אן׳אונארדנונג אויפ׳ן מארק א. אנד. דער בורמיסטער און די פאליציי האבען בעקומען א פעראָרדנונג די פעלערן אויסצובעסערן.

אין שאדעק האט זיך דער וואיעוואדע אויך פעראינטערעסירט מיט די ארבייטען ארום דעם שטעטישען שחט-הויז, וואס האלט שוין ביים אויסגעענדיגט ווערען.

נאמענקלאטור פון שטעט און דערפער

ביים אינערן-מיניסטעריום איז געשאפען געווארען א קאמיסיע אויף פעסטצושטעלען די אפיציעלע נעמען פון פערשידענע ערטער אין פוילען.

די וואיעוואודזטווע האט דערהאלטען א רעגולאמין בנוגע די איינלייטונגס-ארבייטען.

לויט׳ן רעגולאמין געהען אריין אין דער וואיעוואודזטווו-קאמיסיע, וועלכע וועט דארפען פארבערייטען מאטעריאלען פאר דער נאמענקלאטור פון די שטעט און דערפער, דער ה׳ וואיעוואדע, (אלס פארזיצער) א פארשטעהער פון ד. א.ק., פון שול-קוראטאריום, פון דער פאסט-און טעלעגראף-דירעקציע און צו צוויי פארשטעהער פון דער וויסענשאפטס-וועלט און פון די זעלבסטפערוואלטונגען.

פערשידענעס

דער היגער פעדאגאג און לעהרער פון יודישע למודים אין דער גימנאזיע פון דער „געזעלשאפט צו פערשפרייטען בילדונג און טעכנישע וויסענשאפט צווישען יודען אין לאדז, פאמארסקא 48“, ה. מרדכי העגנעלטרויב האט, נאכ׳ן בעלייגען פאר א רעגירונגס-קאמיסיע אין ווארשא דעם עגזאמען פון יודישע וויסענשאפט, בעקומען א רעגירונגס-דיפלאם, וועלכער גיט איהם רעכט צו אונטערריכטען די יודישע למודים אין אלגעמיינע מיטעל-שולען און אין לעהרער-סעמינארס.

18 חדשים טורמע פאר א גנבה

(2) דעם 9 יולי בייננאכט האט די פאליציי פערהאלטען אויף רוג אנדזשעיא און פיעטריקאווער א מאקסובקע מיט 3 פאסאזשירען, אין אויטא זענען געלעגען 2 נייהמאשינען און א מאטאר. די פערהאלטענע האבען נישט געקענט ערקלערען פון וואנען די זאכען שטאמען. מ׳האט זיי ארעסטירט. אויף מארגען איז אין 10 פאליצייקאמיסאריאט געקומען באלעסלאוו קאמארסקי (פעטריקאווער 229) און האט דערקענט די זאכען וואס זענען ביי איהם גע'גנבעט געווארען. נעכטען איז פארגעקומען דער פראצעס פון די גנבים אין הייגען קרייזגעריכט. זיי האבען אלע געקריגען 18 חדשים טורמע.

געכאפט ביי דער מלאכה

זענען די גנבים ארויסגעשפרונגען דורכ׳ן פענסטער

(2) אין דער וואוינונג פון פרוי קאן אויף אל. קאשטיושקא 29 האבען זיך אריינגעכאפט גנבים און איינגעפאקט אין זאק די גאנצע וועש. דערווייל איז אנגעקומען די פרוי קאן. דערזעהענדיג די גנבים האט זי אויפגעהויבען א לארעם.

די איבערגעשראקענע גנבים זענען ארויסגעשפרונגען דורכ׳ן פענסטער פונ׳ם 1 שטאק און זיך געלאזט אנטלויפען די אנגעלאפענע שכנים האבען זיי נאכגעיאגט און געכאפט. דאס זענען 2 בעקאנטע גנבים באלעסלאוו קאטשמארעק און קאזשמיעזש סטשעלעצקי.

מ׳האט זיי ארעסטירט.

ווער ווייסט?

זונטאג איז ארויס פון דער היים אין אנדזשעיוו די 18־יעהריגע ביילע מאשע שעניצקא און איז מעהר נישט צוריקגעקומען א היים. די עלטערן ווייסען נישט וואהין זי איז אהינגעקומען.

זי איז פון מיטעלען וואוקס, א שאטינקע, ווער עס ווייסט וועגען איהר ווערט געבעטען מיטצוטיילען ביי איהרע עלטערן אין אנדזשעיוו.

דער כוח פון אַ זיווג

(פון אומאויס־שפּליבען קוואַל)

***** פון *****

יוסף מאַרגאָשעס

אַז דער גרויסער צדיק ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער איז געווען אַנ׳אמת׳ער יודע עתידות, אַז ער האָט געוואוסט וואָס שפּעטער וועט פּאַסירען און אַז ער האָט דאָס אָפט געוואָלט פערדעקן, קען מען בעווייזען די מעשה וועלכע מיר וועלען דאָ איצט בעשרייבען.

עס האָט אָבער אויך געטראָפען, אַז דער מאָהל, וואָס שרייבט דאָרטען ״אויבען״ אין הימעל: ״בת פלוני לפלוני״, דאָס הייסט, ווער מיט וועמען זאָל חתונה האָבען, איז שטאַרקער געווען פון ר׳ מאיר׳לען און ער האָט איבערגעפירט, כאָטש ר׳ מאיר׳ל האָט דורך דעם געוואָלט ראַטעווען דאָס לעבען פון אַ יודישע טאָכטער.

* * *

איינמאָל האָט ר׳ מאיר׳ל אָנגעזאָגט צו זיינע גבאים און די אַנדערע מענשען, וואָס זענען געווען בעשעפטיגט מיט אַריינלאָזען די גרויסע צאָהל פרעמדע מענשען, וואָס פלעגען קומען צו איהם, אַז זיי זאָלען פאַר די קומענדיגע צוויי וואָכען בשום אופן נישט צולאָזען קיין פרויען.

די סיבה דערפון האָט ער צו קיינעם נישט געזאָגט, עס איז אָבער גענוג געווען זיין שטרענגער באַזאָג, אַז ער זאָל ווערען פּינקטליך אויסגעפיהרט.

כאָטש עס זענען דורך דער דאָזיגער צייט קיין פרעמישלאַן אָנגעקומען אַ היבש ביסעל פרויען און זיי האָבען געוואָלט פאַר׳ן רבין אויסגיסען זייער ביטער האַרץ, זענען זיי אָבער דאָך צו איהם נישט צוגעלאָזען געוואָרען. עס האָבען נישט געהאָלפען קיין שום בקשות, אָדער געלד צו די גבאים, דער רבי האָט אַזוי געהייסען. זיי האָבען געמוזט אָהיימפאָהרען מיט גאָרנישט, אָדער ווייטער אין פרעמישלאַן איבערוואַרטען די צוויי וואָכען.

אַז די צוויי וואָכען זענען שוין געווען אַריבער, האָט ר׳ מאיר׳ל ווידער ערלויבט, אַז פרויען זאָלען צו איהם צוגעלאָזען ווערען, אָבער נישט היינט, ערשט אויף צו מאָרגענס.

מאָרגענס איז קיין פרימישלאַן אָנגעקומען אַ מיידעל פון לעמבערג. זי איז באַלד צוגעגאַנגען צו די גבאים און געבעטען, אַז מען זאָל זי איצט באַלד אַריינלאָזען צום רבין.

און אַז מען האָט איהר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז קודם כל איז דאָס היינט נישט מעגליך, ווייל דער רבי וועט ערשט מאָרגען פריה צו זיך צולאָזען פרויען, און אַפילו מאָרגען, וועט זי אויך מוזען וואַרטען ביז עס וועלען זיך פריהער ״פּראַווען״ די דאָזיגע פרויען, וועלכע זענען שוין פון פריהער און וואַרטען דאָ שוין זייט עטליכע טעג, — האָט דאָס מיידעל אָנגעהויבען זעהר שטאַרק צו וויינען. אַזאַ וויינען און קלאָגען, אַז עס האָט אַוש געקענט אַ שטיין רירען.

עס האָט זיך באַלד נעבען איהר פערקליבען אַ רעדעל און געוואָלט וויסען, פאַר וואָס עס איז אויף איהר אַזאַ אייליניש, אַז מען וועט זי מיט אַ טאָג שפּעטער צולאָזען צום רבין. דאָס מיידעל האָט אָבער שוין געח׳לש׳ט פון גרויס קרענקונג. מען האָט קוים פון איהר געקענט אַרויסקריגען די עטליכע ווערטער, אַז זי וויל דוקא, אַז מען זאָל זי נאָך היינט צולאָזען צום רבין, ווייל זי איז געקומען מיט אַזאַ וואָגען, וואָס דאַרף באַלד צוריקפאָהרען קיין לעמבערג. זי איז אַ דינסט־מיידעל אין אַ הויז פול מיט קליינע קינדער, און זי האָט זיך קוים געקאָנט אַרויסרייסען פון דער היים, אין דער צייט, וואָס איהרע בעלי בתים זענען אַוועק צו אַ חתונה אויף אַ טאָג. אויב זי זאָל נישט זיין פריהער אין דער היים ווי זיי, וועט זיך וואַרטען מיט חושך און מען וועט זי אַרויסטרייבען פונ׳ם הויז.

ר׳ מאיר׳לס ווייב, די אַלטע רביצין, וועלכע איז געווען זעהר אַ פרומע און אַ צדיקת, האָט נישט געקענט צוזעהן דעם גרויסען צער פון דעם לעמבערגער מיידעל און זי איז אַריינגעגאַנגען צו איהר מאַן און האָט איהם שטאַרק געבעטען, אַז ער זאָל מאַכען אַנ׳אויסנאַהם און דאָס מיידעל איצטער ״פּראַווען״.

תחילה האָט ער אַפילו נישט געוואָלט איהר צוליב־טון, איז זי אָבער דאָך געווען אַנ׳אשה, און זי האָט איהם אַזוי לאַנג מפציר געווען, ביז ער האָט געמוזט נאָכגעבען איהר רצון און דאָס מיידעל צו זיך אַריינלאָזען.

אַז דאָס מיידעל איז שוין געווען ביי ר׳ מאיר׳לען האָט זי אָנגעהויבען זעהר שטאַרק צו וויינען: זי איז אַ יתומה, און האָט שוין דערגרייכט איהר ניין־און־צוואַנציג יאָהר, אָבער קיין שידוך האָט זיך איהר נאָך אַלץ נישט געטראָפען. מען האָט איהר אין לעמבערג געזאָגט, אַז דער רבי זאָל נאָר וועלען, קען זי תיכף, דאָ אויפ׳ן אָרט, געהאָלפען ווערען און קריגען איהר ריכטיגען זיווג.

— פאָהר געזונד, — האָט ר׳ מאיר׳ל צו איהר געזאָגט, — און קום צוריק אין צוויי יאָהר אַרום, דעמאָלט, אַזוי בין איך דיר מבטיח, וועסטו זוכה זיין צו דיין ריכטיגען זיווג.

דאָס מיידעל, אַז זי האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט ווידער אָנגעהויבען צו וויינען און, ווי עס זעהט אויס, האָט זי געהאַט אַ טבע פון חלשות, ווייל זי איז ווידער אַנידערגעפאַלען און גע׳חלש׳ט. מען האָט מיט איהר געהאַט אַ היבש ביסעל מיה ביז מען האָט זי צוריק דערמינטערט.

— ניין, זי וויל נישט! אַז השם יתברך האָט איהר שוין יאָ געהאָלפען און זי האָט זיך קוים געקענט דערשלאָגען צום רבי׳ן, וויל זי אַזוי לאַנג נישט וואַרטען, נאָר זי וויל, אַז איהר הילף זאָל קומען שוין מאַקע דאָ אויפ׳ן אָרט...

— ווייסטו וואָס, — האָט זיך ר׳ מאיר׳ל ביי איהר געבעטען, — קום אין אַ יאָהר אַרום און דעמאָלט וועל איך דיר געבען אַ זעהר פיינעם חתן.

— ניין, ניין און נאָך אַמאָל ניין! זי וועט פונ׳ם רבין נישט אָפּטרעטען ביז ער וועט איהר בקשה תיכף ממלא זיין. זי האָט אויף איהר זיווג געוואַרט גאַנצע ניין און צוואַנציג יאָהרען רעכענט זי, אַז דאָס איז שוין גענוג און דער רבי וועלכער העלפט אַלעמען, מוז איהר אויך איצט העלפען, אַז זי זאָל קענען צוריק אַהיים פאָהרען אַ געהאָלפענע...

אַז ר׳ מאיר׳ל האָט געזעהן, אַז דאָס מיידעל איז אַזאַ איינגעשפּאַרטע, און וויל דוקא פון איהם נישט אָפּטרעטען, האָט ער אָנגעהויבען מיט איהר זיך צו רינגען און זי געבעטען, אַז זי זאָל קומען אין עטליכע חדשים שפּעטער. ער האָט גע־האַלטען אַלץ אין איין נאָכלאָזען פון דער צייט אַבי דאָס מיידעל צו בערוהיגען.

זי האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטען. זי האָט געהאַלטען אין איין קלאָגען און וויינען, אַז איהר הילף זאָל קומען טאַקי דאָ אויפ׳ן אָרט און זי וויל זיך נישט בעגניגען לאָזען מיט צוזאָגען...

אַז די גבאים, וועלכע זענען געווען דערביי, האָבען דאָס צוגעזעהן און ווייל זיי זענען נישט געוואָהנט געווען צו אַזעלכע געשעפטען, האָבען זיי זי געוואָלט מיט געוואַלד אַרויספיהרען פון ר׳ מאיר׳לס הויז — האָט זיך דאָס מיידעל גאָר מיישב געווען און זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו חלשן און די ווייבער האָבען מיט איהר געהאַט אַ נייעם עסק זי צו דערמינטערען.

בשעת דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען, איז ר׳ מאיר׳ל געווען זעהר פערטראַכט. מען האָט אויף זיין הייליגער צורה געקאָנט אָנזעהן, אַז ער האָט פון דעם גאַנצען עסק זעהר פיל עגמת נפש.

אַז דאָס מיידעל איז שוין ווידער געקומען צו זיך, האָט ר׳ מאיר׳ל מיט איהר ווייטער אָנגעהויבען צו רעדען. ער האָט מיט איהר געהאַנדעלט שוין נישט וועגען יאָהרען, אָדער אַפילו חדשים, נאָר ער האָט זיך ביי איהר געבעטען, אַז זי זאָל מסכים זיין צו וואַרטען נאָך עטליכע וואָכען. אָבער די דאָזיגע בתולה איז געווען אַ זעהר איינגעשפּאַרטע, און האָט גאָר נישט געוואָלט נאָכלאָזען; זי וויל, איהר הילף זאָל קומען דאָ אויפ׳ן אָרט... זי וועט נישט וואַרטען אַפילו קיין אַכט טאָג... זי וויל דער רבי זאָל איהר איצט, תיכף ומיד זאָגען ווער איהר זיווג איז און וואו ער געפינט זיך.

אין דער צייט וואָס דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען און ר׳ מאיר׳ל האָט גע־האַלטען אין איין איינטענהן מיט דער לעבעדיגער בתולה, האָט אַ יונגערמאַן אויפגעמאַכט די טיר פון ר׳ מאיר׳לס שטוב און ער איז אַריין מיט אַ גביטער־ליכען געוויין.

— זיין ווייב, אַנ׳ערשטליגע, געהט שוין זייט נעכטען צום קינד און זי איז אַ מקשה־לילד. לויט ווי די ווייבער זאָגען, איז זי נעבעך זעהר געפעהר־ליך, און דאַרף גרויס רחמים.

ר׳ מאיר׳ל האָט מיט דעם יונגערמאַן נישט געמאַכט קיין גרויסע שמועס און איהם געהייסען אַהיים געהן.

ווען ער איז אַרויס פון שטוב האָט ר׳ מאיר׳ל זיך אָנגערופען צום מיידעל — אָט דער יונגער מאַן, וועלכער איז אַקאָרשט דאָ געווען, ער איז דיין ריכטיגער זיווג...

דערהערענדיג אַזעלכע בעשטימטע ווערטער פונ׳ם רבינס מויל, האָט זיך דאָס מיידעל שוין אינגאַנצען בערוהיגט, זיך געזעגענט און איז באַלד אַהיימגעפאָהרען. זי האָט פערשטאַנען, אַז דער רבי וועט, חלילה, קיין ליגען נישט זאָגען און ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי וועט עס זיכער זיין.

וכך הוה.

דאָס ווייבעל, די יולדת האָט נישט געקענט אויסהאַלטען די שווערע חבלי לידה און זי איז נעבעך אַזוי יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט, און אַז עס זענען אַוועק עטליכע וואָכען און דער יונגערמאַן האָט זיך אָנגעהויבען צו טרייסטען און צו זיך צו קומען פון זיין גרויסען אומגליק, האָבען שדכנים אָנגעהויבען צו ווערען איינגעהערט ביי איהם אין הויז און איהם אָנשלאָגען פערשידענע שידוכים.

דער ערשטער שידוך וואָס זיי האָבען איהם אָנגעשלאָגען, איז געווען מיט אַנ׳עלטער מיידעל פון לעמבערג, וועלכע איז געווען, כאָטש זי האָט געדינט ביי פרעמדע מענשען, פון אַ זעהר בעלי־בתישער פאַמיליע און זי האָט אויך זיך געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ היבש ביסעל געלד.

און אַז דער יונגערמאַן, וועלכער איז געווען ר׳ מאיר׳לס אַ חסיד, האָט איהם געפרעגט מכח דעם דאָזיגען שידוך, האָט ר׳ מאיר׳ל דערצו מסכים געווען און איהם אָנגעזאָגט, אַז קיין אַנדערען שידוך זאָל ער גאָר נישט זוכען, נאָר מיט דעם דאָזיגען לעמבערגער מיידעל.

3

דער שידוך איז באַלד געשלאָסען געוואָרען. דאָס פּאָר־פאָלק האָט דערנאָך חתונה געהאַט און שפּעטער געהאַט קינדער און אָפּגעפיהרט זייער וועלט אין אַלדאָס גוטס.

— מאיר האָט געוואוסט וואָס ער טוט, — האָט ר׳ מאיר׳ל מיט אַ לאַנגער צייט שפּעטער געזאָגט צו זיינע מקורבים, — ווען ער האָט דער־מאָלס דורך אַ צייט פון צוויי וואָכען נישט גע־וואָלט צו זיך צולאָזען קיין ווייבער, ער האָט גע־וואוסט וועגען דעם לעמבערגער מיידעל און אַז עס איז שוין געקומען איצט די ריכטיגע צייט, ווען זי זאָל בעקומען איהר זיווג, דאָס איז אָבער נאָר מעגליך געווען, אַז דאָס יונגע ווייבעל זאָל איהר מאַכען פּלאַץ און פריהער אַוועקגעהן פון דער וועלט.

עס איז אָבער מאיר׳לען געווען אַ גרויסער רח־מנות, אַז אַזאַ יונג בלוט זאָל געהן אַזוי פריה פון דער וועלט, האָט ער זיך געקליגט און ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אויף אַזאַ אופן קענען אָפּ־האַלטען דעם ווייבעלס גזר דין.

און אַז ער האָט געזעהן, אַז דאָס איז נישט מעגליך, אַז טראָץ זיינע אַלע בעוואָרענישען, איז אָבער דאָס מיידעל דאָך געקומען און זי האָט געמאָהנט דאָס, וואָס עס איז איהר געקומען על פי דין און על פי יושר, — איהר ריכטיגען זיווג, האָט און על פי יושר — איהר ריכטיגען זיווג, האָט מאיר זיך מיט איהר געהאַלטען אין איין רינגען. ער האָט דאָס געוואָלט אָפּלענגען כאָטש אויף צוויי יאָהר, כדי דעם יונגען ווייבעל צו געבען אַ געלע־גענהייט צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט און אַז זי זאָל האָבען גענוג צייט איהם אויך אויסצו־זייגען.

דאָס מיידעל איז אָבער פעסט בעשטאַנען אויף איהרע רעכט, און האָט, כאָטש מאיר האָט זיך מיט איהר אַזוי שטאַרק געראַנגען, וואָ־נישט געוואָלט נאָכלאָזען. און אויף אַזאַ אופן האָט מען אויבען אין הימעל דאָס יונגע ווייבעל געמוזט צו־נעהמען פון דער וועלט כדי די אַנדערע זאָל קענען וואָס גיכער קריגען איהר בעשטימטען זיווג...

— ווי עס זעהט אויס, — האָט ר׳ מאיר׳ל געענדיגט זיינע ווערטער, — איז דער מלאך הממונה על הזווגים, דאָס מאָל געווען שטאַרקער פון מאיר׳ן און ער האָט דאָס זייניגע דאָך אויס־געפיהרט.

גאָלדענע גריקען

(ראָמאַן) (81

— אָט דאָ האָט איהר, הער אינספּעקטאָר!

— האָב איך געזאָגט איבערגעבענדיג איהם דעם בריף — מעהר קלויב איך זיך נישט היינט צו שרייבען קיינעם. איך וואָלט אָבער אייך געווען זעהר דאַנקבאַר ווען איהר פעראָרדענט, אַז מען זאָל דעם דאָזיגען בריף תיכף צושטעלען צום אַדרעסאַט.

דער אינספּעקטאָר האָט אַדורכגעלייענט דעם אַדרעס, און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעדריקט פערוואונדערונג און אַכטונג.

ער האָט אַריינגערופען דעם פּאָליציאַנט, און בעפעהלענדיג איהם צו אַסיסטירען ביי יעדער ראַזירונג־צערעמאָניע (ער האָט משמעות מורא גע־האַט, איך זאָל זיך נישט איבערשניידען דעם האַלז מיט׳ן גאָל מעסער) איז ער אַוועק מיט׳ן בריף.

דער פריזער האָט מיך שווייגענדיג אָנגעזייפט און אָפּגעשוירען.

ווען ער האָט געהאַט געענדיגט זיין אַרבייט, איז ווידער אַריין דער אינספּעקטאָר נעיל, און גע־מעלדעט, אַז ביל איז געקומען.

— איהר קאָנט איהם זעהען, ווען איהר ווילט.

— איך וואָלט איהם זעהר גלייך געוואָלט זעהען.

אין אַ מינוט שפּעטער האָט דער ריזשוורוענ־דער פּאָליציאַנט אַריינגעפיהרט ביל׳ן צו מיר אין קעמערעל.

דער פּאָליציאַנט גופא איז אַוועק, פערמאַכענ־דיג הינטער מיר די טיר.

ביל האָט זיך פערוואונדערט אַרומגעקוקט אין קעמערל.

— עהע, מיין טייערער! איך האָב גערעכענט אייך צו געפינען אין אַ קאַלטען נאַסען קעלער — ערשט נאָט איך גאָר אַזאַ קאָמפאָרט!

— מיר בעמיהען זיך צו פערשאַפען אונזערע אַרעסטאַנטען די בעסטע און בעקוועמסטע בעדינ־גונגען! — האָב איך איבערגע׳חזר׳ט דעם אינספּעק־טאָר נעיל׳ס פראַזע — אַ שאַד, וואָס איך קאָן אייך נישט מכבד זיין מיט וויסקי, אויב אָבער איהר ווילט קאָן איך אייך עפּעס פאָרשלאָגען — פון מיין פריהשטיק איז איבערגעבליבען אויסגעצייכענטע קאַווע.

ביל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג טיש, און אַריינגערוקט די האַנט אין די הויזען־קעשענעס.

— יאָ! — האָט ער זיך אָפּגערופען — אַ פיינע געשיכטע!.. און וואָס וועט עס איצט זיין?!

— אַלענפאַלס האָב איך נישט מעהר ברעה צו שווייגען מיט׳ן טויט פון נאַטאַנען האַלט איך אונזער אָפּמאַך פאַר אומגילטיג.

ביל האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— ריכטיג! מען מוז דאָ אָבער האַנדלען מיט שכל. קודם מוז מען קריגען אַ גוטען אַדוואָקאַט, וועלכער זאָל אייך אויסלערנען, ווי זיך אויפצופיהרען און ווי צו רעדען. איהר וועט דאַן מיר דערלויבען, אַז איך זאָל זיך דערמיט פערנעהמען?

איך האָב געשריבען אַ בריוועל צו לאַמערס־פילד׳ן, און געבעטען, ער זאָל מיך בעזוכען. איך וועל וואַרטען און הערען, וואָס ער וועט מיר זאָגען, און אויף זיין עצה וועל איך דערוויל גאָרנישט פאָר־נעהמען.

— אויסגעצייכענט! אַליין דעם אינערן־מיניס־טער! איהר מיינט ער וועט קומען?

— כ׳מיין, אַז יאָ, — האָב איך בעשיידען גע־ענטפערט.

— האָט איהר זיך דערוואוסט עפּעס נייעס וועגען עני גופא? — האָט ביל אַ פרעג געטאָן — ווער האָט געשטאָכען פּראַדאַ׳ן, און ווי־אַזוי איז פּאָליציי געקומען אויף אייער שפּור?

— איך מיין, אַז איהם האָט דערהרג׳עט דאַ־קאָסטאַ. אינגיכען וועלען מיר זיך אָבער וועגען אַלץ דערוויסען גענוי. אויף עלף אַ זייגער בין איך גערופען צום אויספאָרשונגס־ריכטער.

ביל האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער.

— עלף אַ זייגער? אויב אַזוי דאַרף איך שוין געהן. איך האָב צוגעזאָגט אַריינצוכאַפּען זיך צו אייער מיידעל, און ברענגען זי אין געריכט אַריין.

— מאַריאַ! — האָב איך אויסגערופען — זי ווייסט?

— איך האָב איהר געזאָגט ווען זי האָט היינט אינדערפריה טעלעפאָנירט. האָב איך דען דערמיט עפּעס קאַליע געמאַכט?

איך האָב אַ ציה געטאָן מיט די פּלייצעס.

— ניין, זעלבסטפערשטענדליך! מיטאָג־צייט וואָלט זי זיך סיי־ווי דערוואוסט פון די צייטונגען. די בלעטער וועלען אַזאַ משא־ומתן נישט פער־שלאָפען. איך וואָלט אָבער נישט געוואָלט, אַז איהר נאָמען זאָל זיין פערמישט אין דער דאָזיגער ברוי־ריגער געשיכטע.

— ריכטיג. איך וועל זי ברענגען אין געריכט, און אויפ׳ן וועג דערצעהלען איהר די גאַנצע מעשה, דאָס וועט זי וואַהרשיינליך עטוואָס בערוהיגען.

איך האָב איהם געדריקט די האַנט.

— ביל, איהר זענט אַ האַרציגער בחור!

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און פריינדליך אַ קלאַפּ געטאָן מיר אין פּלייצע.

— מיר זענען ביידע פון איין באַנדע, מיין ליבהאַרציגער!

אויף זיין קלאַפּען האָט דער פּאָליציאַנט גע־עפענט די טיר.

ביל האָט צו מיר אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און איז אַרויס.

אין משך פון די ווייטערדיגע צוואַנציג מינוט בין איך געווען פערנומען דערמיט, וואָס איך האָב זיך בעמיהט גענוי צו דערמאָהנען זיך אין דעם צוגאַנג פון די געשעהענישען פון דעם מאָמענט אָן זינט איך האָב זיך בעגעגענט מיט נאַטאַנען אויף דער בריק.

איך האָב געהאַט ברעה צו דערצעהלען לאַ־מערספּילד׳ן דעם אמת מיט אַלע פּרטים, און גע־וואָלט, אַז עס זאָל אַרויסקומען קורץ און קלאָהר.

מיט פערגעניגען האָב איך קאָנסטאַטירט, אַז איך געדענק אַלץ.

עס איז ווידער אַריינגעקומען דער אינספּעק־טאָר נעיל.

— דער אויספאָרשונגס־ריכטער איז געקומען, — האָט ער געמאָלדען — אייך וועט מען אויסהערען דעם ערשטען.

— איך בין גרייט, הער אינספּעקטאָר, — האָב איך געזאָגט, אויפשטעהענדיג, און געהענדיג נאָך דער טיר...

(פאָרטזעצונג קומט).

הומאר — דער קונדס — סאטירע
צוזאמענגעשטעלט דורך א. שארפצינגעל

פאליטיק פון דער וואך

ענדליך זיך דערוואַרט אויף אַ שטיקעל מלחמה׳לע! וואָס הייסט, מען וועט נעמען אַ וועלט און מען וועט זי לאָזען אויסגעהען פון לאַנגווייליגקייט, אַ גאָלדען פאָלק די כינעזער, גאָר נישט אָפּצושאַצען. אַפילו מען זאָגט, אַז די כינעזער זענען אַ אָפּגעשטאַנען פאָלק, ווער האָט דאָס אויף זיי אויסגעטראַכט? סיידען נאָר שונאים.

דער בעסטער בעווייז פון זייער הויכען קולטור־ריעלען מצב איז דאָך דער פאַקט, וואָס זיי האָבען ליב אַ מלחמהלע, ווייל ווער זיי נישט געבען, וואָס זיי ווילען — אַרויס אויפ׳ן שלאַכט־פעלד.

הויך קולטורעל!

נאָך אַ בעווייז פון זייער מאָדערנער קולטור־רעלישקייט איז, דאָך דאָס, וואָס זיי ווילען זיך שלאַגען מיט די מאָדערנסטע שבמאָדערנסטע — מיט דיסאַזייטעס.

זאָל זיין פון כינע, אַפילו אַ מלחמה זאָל זיין, אַז מען שלאָגט זיך, וועט מען זיך צו עפּעס דערשלאָגען. די וועלט פערלירט גאָרנישט ביי אַ מלחמה. אדרבא מען זאָל למשל מאַכען אַ סך הכל פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, וועט אויסקומען, אַז די וועלט האָט געוואונען, נישט פערלוירען, נאָר עס גליסט זיך אונז נישט זיך צו פערנעמען מיט סך הכלים, מיר פלאַנען נאָר אַ ווייטע לופט־פליה־רייזע, פערשטעהט זיך, צו פּאָליטישע צוועקען, וועגען וועלכע עס איז נאָך פריה־צייטיג צו רעדען אין דער עפענטליכקייט.

מיר קאָנען נאָר זאָגען דאָס, אַז אונזער כונה ביים דאָזיגען פליה, איז: זיגען, אָדער שטאַרבען!

מיר זענען זיכער, אַז מיר וועלען זיגען, ווייל מיר זענען נישט בלויז קיין פליהער, נאָר אויך פּאָליטיקער. מיר וועלען זיך שוין קאָנען אַרויסדרעהען פון אַ געפאַהר.

צום פליהען, מוז מען אויך זיין אַ דיפּלאָמאַט.

אַריינגעזאָגט

— זאָג מיר, ווי אַזוי קאָן מען אַנטרינקען 20 פערד מיט איין וויאַדערע וואַסער?

— ווען די פערד שטעהען אין אַ לאַסט־אויטאָ און דאָס וואַסער גיסט מען אַריין אין קעסעל פון אויטאָ.

— אויב אַזוי זאָג־זשע מיר, ווען לאַכט אַ פערד?

— דאָס ווייס איך נישט.

— ווען אַ אייזעל זאָגט וויצען.

פון אויסלענדישען מאַרס

אימפּאָרטירטער הומאָר פון וועלט־הומאָריסטען

זיי זענען ערגער ווי בהמות

פרוי: (צום האָטעל־בעזיצער) :— איהר בעהאַנדעלט דאָך אונז ערגער ווי די בהמות.

האָטעל־בעזיצער: וואָס רעדט איהר, גאָט איז מיט אייך?

פרוי: געוויס, פון אונז שינדט איהר די הויט לעבעדיגערהייט...

ביים דאָקטאָר

— ה׳ דאָקטאָר! וואָס איז דאָס בעסטע מיטעל צום געזיכט־מאַסאַזש?

— געלעכטער, — ליבער פּאַציענט!

לאָטעריע

— האַלט איהר אַ לאָטעריע־צעטעל?

— ניין! איך שפּיל אַזוי אויך מיט׳ן לעבען.

אין דער קנייפּע

בעל הבית (צום קעלנער): וואָס זיצט עפּעס דער גאַסט דאָרט ביים פענסטער אַזוי לאַנג?

קעלנער: איך האָב איהם געגעבען דעם עהער־געכטיגען שניצעל, מאַטערט ער זיך שוין איבער איהם צוויי שעה.

זיין פאַך

— מיט וואָס בעשעפטיגט איהר זיך?

— איך נעם צוזאַמען מטבעות.

— וואָס זענט איהר אַ באַנקיר?

— ניין, איך געה אין די הייזער.

נאָך די ווישטשיגעס

— איך האָב היי־יאָהר ווייניגער פערשפּילט ביי די ווישטשיגעס, ווי אין פאָריגען יאָהר.

— ס׳גליק האָט דיר צוגעשפּילט?

— ניין, ס׳איז געווען שווער צו קריגען קרעדיט.

הרע ן!

זי: איך האָב דיך געהייראַט, כאָטש דריי אַנדערע זענען מיר נאָכגעלאָפען.

ער: אַ, ווען זיי וואָלטען געווען שנעלער גע־לאָפען!

מען פליהט

היים און דושנע — שווער צו לעבען,
אומעטום איז ביין געמיט —
אָבער דאָך, מען מוז דאָך האָווען,
שפּרינגט מען, לויפט מען, און מען פליהט.

ס׳פליהען קודם כל פּראָטעסטען —
אַ באַנקראָט נאָך אַ באַנקראָט.
ווער קוראַנט איז, ווייסט נישט קיינער,
ס׳ווייסט אַ סבראַ, אויך נישט גאָט...

ס׳פליהען טאָג און נעכט, חדשים,
ס׳פליהען האַסטיג יאָהר נאָך יאָהר,
און עס ווערט נישט קיינעם לייכטער
אויף אַ טראָפּען, אויף אַ האָהר...

ס׳פליהען, ס׳לויפען רעגירונגען —
קאָנפערענצען אָהן אַ שיער...
מ׳האָלט אַז אַיינעם מאַכען בעסער,
ווייל איז אונז, און ווייל איז מיר!

ווייל איז נעבעך, צו אונז אַלע,
אָבער פליהען איז אַ׳ענין
ווייעלעם קאָ דאָך זיינער זיין!
וואָס איז וואויל, און וואָס איז פיין.

לויפט מען, פליהט מען נאָך אַ גראָשען,
פליהט מען נאָך אַ ביסעל רוה,
און מען פליהט נאָך גליק אַ ביסעל,
וואָס גענפינט זיך ערגעץ־וואו.

ערגעץ־וואו מוז דאָך זיין בעסער,
אָבער זיכער דאָך נישט היע...
נעהם זשע, ברודער, פּיס אויף פּלייצעס,
טראַכט קיין סך נישט... נעהם, און פליה.

פליה אַלץ האַסטיגער און שנעלער;
פליהען תמיד איז כדאַי,
וואָרום נגענוואַרט און צוקונפט
שטעהם דאָך בלויז אויף פליהערייי.

יאָקעל בן פלעקעל.

איז דער לופטען



א יוד (צום צווייטען): וואָס דאַרפט איהר אַ סך קלערען, כאַפּט זיך אַרויף צהין זענט איהר פּטור פון אַלע אייערע זאָרגען...

א קבצן האָט אָנגעלערנט זיין רייכער שוועגערין

איינער אַ קבצן האָט געהאַט אַ רייכען ברודער אין אַמעריקאַ. דער רייכער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט דער קבצן געהאָפט צו דערלעבען די ירושה פון בריי׳ער איבער הונדערט אין צוואַנציג יאָהר.

מאַכט זיך, אַז דער רייכער ברודער איז טאַקע געשטאָרבען און דעם פערשטאָרבענעמס ווייב האָט בעדאַרפט נעמען חליצה.

שרייבט די אַלמנה צום שוואָגער, דעם קבצן, ער זאָל קומען צו איהר, דער קבצן האָט דאָך אָבער נישט געהאַט אויף הוצאה, האָבען זיך שוין געפונען גוטע פריינד, וועלכע האָבען אויסגעבאָרגט דאָס נויטיגע אויפ׳ן חשבון פון דער ירושה.

די רייכע אלמנה האָט אָבער געוואָלט בעהאַלטען די ירושה פאַר זיך, האָט זי אָפּגעוואַרט ביים באַהן איהר אָרימען שוואָגער און איהם אַריינגעפיהרט אין אַ אָרימע וואוינונג, ספּעציעל געדונגען און איהם געוויזען, אַז ער האָט געלעבט אין טעות ווען זיין ברודערס רייכקייט און, אַז זיין ברודער איז אויך געווען אַ קבצן.

דעם קבצן איז נישט געבליבען עפּעס אַנדערש צו טון ווי צו געבען חליצה אָהן אַ גראָשען געלד, כאָטש מקיים צו זיין די מצוה.

שפּעטער האָט ער זיך דערוויסט, אַז מען האָט איהם אָפּגענאַרט.

פאַר גרויס כעס איז ער אַוועק אין שוהל און זיך געשטעלט דאַוונען נעבען רב, וואָס האָט אַדורכגעפיהרט די חליצה און געלעגט תפילין אויף דער רעכטער האַנד.

ווען דער רב האָט דאָס דערזעהען, האָט זיך געוואָרפען מיט אַטענה צום קבצן פאַר וואָס ער האָט נישט געזאָגט, אַז ער איז געלינקט, איז דאָך די חליצה גאָרנישט ווערט.

ביים געבען צום צווייטען מאָל חליצה האָט שוין דער קבצן אויסגעפּרעסט אַ גראָבע אַפּותיקאַ.

אויף צומאָרגענס איז ער ווידער געקומען אין דער זעלבער שוהל צום דאַוונען און שוין געלעגט תפילין אויף דער לינקער האַנד.

פרעגט איהם דער רב סטייטש, וואָס איז דאָס?

ענטפערט איהם דער געוועזענער קבצן:

— ,,עכטען זענט עך געווען נערעכט בי זאָיך געווען געלינקט, היינט בין איך גערעכט, — זענט עך געלינקט...

קערשעלע.

וואָס די באָלשעוויקעס קאָנען

אַ יוד פון דער פּראָווינץ איז געקומען אין מאָסקווע צו־גאַסט צ זיין זוהן.

דער זוהן פיהרט דעם טאַטען אין זאָאָלאָגישען גאָרטען ווייזען כלערליי חיות, דער יוד דערזעהט אַ זשיראַף און שרייט אויס:

— זעה נאָר, זעה וואָס די באָלשעוויקעס האָבען געמאַכט פון אַ פערד!

ער פּראָוועט זיין יובל...

— אַ מאָדנע זאַך, אונ׳ער באַלעבאָס איז דאָך ווייט פון צו זיין אַ סאָוויעטישער מענש און זעה נאָר ווי ער פרעהט זיך, וואָס די ראַטענמאַכט האַלט זיך שוין עלף יאָהר.

—איהר פערשטעהט איהם נישט. דאָס פּראָוועט ער זיין אייגענעם יובילייי, וואָס ער האָט זיך עלף יאָהר אויפגעהאַלטען ביי דער ראַטענמאַכט.

צו וואָס?

טרייטעל: צו וואָס נוצען אַ מענשען די פיס?

פייטעל: שוטה! ער מוז דאָך האָבען מיט וואָס צו געהן דאַוונען!

טרייטעל: און צו וואָס נוצען די הענד?

פייטעל: ער דאַרף דאָך טראָגען דעם תלית און תפילין.

טרייטעל: און דאָס מויל?

פייטעל: ער זאָל האָבען מיט וואָס צו דאַוונען.

טרייטעל: אָבער, דער קאָפּ, צו וואָס טויג ער איהם?

פייטעל: שוטה! ווען ער זאָל קיין קאָפּ נישט האָבען, אַז וואָלט ער אָנגעטון דעם הוט!

ער וואַרט אויף דער פּאַרטיי־ריינינגונג

— ווי אַזוי וועסטו אַ נאָמען געבען דאַן קינד וואָס דאַרף געבוירען ווערען?

— איך וואַרט אויף דער פּאַרטיי־ריינינגונג.. אויב איך וועל פערבלייבען אין דער פּאַרטיי — גיב איך איהם אַ נאָמען וולאַדימיר (נאָך לענינ׳ען), אויב נישט — וועט ער הייסען יאַנקעל (נאָך מיין טאַטע ע״ה).

3

ווען נישט די פינאַנציעלע פראַגע

ביי איינעם אַ געוועזענעם פּאַרטיי־מאַן, וואָס מען האָט פערמשפּט פאַר פערשווענדען מלוכה־געלד, האָט מען געפרעגט:

—פאַרוואָס ביזטו אַרויס פון דער פּאַרטיי?

— איך בין זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט איהר אין דער פינאַנציעלער פראַגע.

מודעה

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט דער עפענטליכקייט, אַז מיר האָבען נאָך פריי איינעגע פּאָזיציעס אין בורושעט פאַר מורי־הוראות.

ווער עס ווייס עפּעס וועגען אַ מורה־הוראה, זאָל איהם ברענגען אין קהלה אַריין.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אַז צוליב דעם, וואָס די קהלה האָט קיין געלד נישט, זענען מיר לייידער גע־צוווינגען שטאַרק צו בעגרעניצען די שטיצע פאַר קראַנקע, אַ יתומע און אנדערע אומגליקליכע.

אין נאָמען פון קהלה־פערוואַלטונג
פּרעזעס
ל. מינצבערג

שפּאַס פון פאַמיליען־ווינקעל

אַ גוטער מאַן

מאַן: הער דאָקטאָר, זאָגט מיר דעם אמת, וועגען דעם צושטאַנד פון מיין פרוי׳ס קראַנקהייט, זי איז עלטער פון מיר, איך בין אויף אלעם געפאַסט.

— דאָקטאָר: אייער פרוי וועט אין אַ פּאָר וואָכען געזונד ווערען.

מאַן: זעהט איהר אויף דעם בין איך נישט געווען געפאַסט.

עס אַרט איהם נישט

שדכן (צו אַן אַלטען בחור): די כלה איז מיט אַלע מעלות, זי איז בלויז אַביסעל צו־פּעט...

בחור: אָה, דאָס איז גאָרנישט: ביי מיר וועט זי שוין ווערען דינער.

ער לערנט איהם צו זיין רוהיג

פאָטער (לויפט צו מיט כעס צו איינעם פון זיינע יונגלעך, וועלכע האָבען זיך צושלאָגען): פאַר באַיטשיק: ער האָט מיך געבראַכט אין כעס... עלטערער.

וואָס האָסטו געשלאָגען סעמקע׳ן? ה וביזט דאָך דער

פאָטער (לאָזט איהם אַראָפּ אַ פּאַטש): שפּיל ער האָט זיך צו זמיר געטשעפּעט.

מאָל האָב איך דיר געלערנט, אַז דו זאָלסט זיך האַלטען רוהיג, זאָלסט זיך בעהערשען!

א פּראָלאָנגאַציע

— איין פּראָלאָנגאַציע, זעהסטו, איז מיר שוין געלונגען דורכצופיהרען.

— ביי וועמען?

— איך האָב גע׳פועלט ביי מיין ווייב, אַז זי זאָל אַרויספאָהרען אויף דאַטשע מיט אַ חודש שפּעטער...

אַן אייגפאַל

ריכטער: פאַרוואָס האָט איהר אויסגעהאַקט אייער פרויי אַלע ציינער פון מויל!

אָנגעקלאַגטער: איך האָב געהערט, אַז אויב מען האַקט אויס ביי אַ שלאַנג אַלע צהן, פערלירט די שלאַנג דעם גיפט...

ס'מוז זיין אַ מיט-אַרבייט

צווישען פאָליטיקער און ווירטשאַפטלער

שוין זייט חדשים רעדט זיך אין אַ טייל פון דער יודישער פרעסע וועגען דער נויטיגקייט צו רופען אַ פעראַטונג און בעטראַכטען די מיטעל און וועגען ווי אַזוי צו ראַטעווען אונזער ווירטשאַפט פון אונטערגאַנג. דערביי איז אויך אַרויסגערוקט געוואָרען דער געדאַנק וועגען שאַפען אַ שטענדיגען ווירטשאַפטליכען ראַט, וועלכער זאָל שטעהען אויף דער וואַך און שיצען אונזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

אין פּלוג לעגט זיך די זאַך זעהר אויפ'ן שכל. וואָרום וואָס איז די פּעולה וואָס מיר האַלטען אין איין שרייען, אַז עס איז שלעכט און ווידער שלעכט, ווען מיר טוהען גאָרנישט כדי די לאַגע צו בעסערען? מיר לעבען דאָך אין אַ צייט פון צוזאַמענפאָהרען. עס קומען זיך צוזאַמען מענשען און רעדען וועגען עספעראַנטאָ, עס האַלט ביי אַ צוזאַמענפאָהר, להבדיל, וועגען שמירת שבת, פאַר וואָס זאָל נישט זיין קיין ווירטשאַפטליכער צוזאַמענפאָהר?

אַזוי ווי דער ענין הויבט אָן צו ווערען ערנסט, איז שוין מעגליך וועגען דעם ענין זיך אַרויסצוזאָגען.

מיר זענען אַ פאָלק, וואָס די יסודות פון אונזער ווירטשאַפט האָבען זיך אַ וואַקעל געטוהן. מיר געהען מיט'ן אַלטען אויסגעטראָטענעם טראַקט מיט וועלכען אונזערע זיידעס זענען געגאַנגען. אונזער האַנדעל, אונזער אַרבייט, איז פּרימיטיוו, און אַלט־פרענקיש. מיר האָבען אַ געוואַלדיגען פּראָצענט מענשען וועלכע זענען ווירטשאַפטליך נישט פּראָדוקטיוו. זיי לעבען פון ווינד.

אָבער וואָס זאָל מען טוהן ווען דער ווינד בלאָזט פון דער ענטגעגענגעזעצטער זייט, ווען פון דעם ווינד קען מען דאָרום מעהר נישט לעבען? אַזוי ווי אומדרעהען דעם ווינד, איהם צווינגען ער זאָל בלאָזען אין דער געווינשטער ריכטונג, קען מען נישט, מוז מען זיך דאָרום צופּאַסען. און די צופּאַסונג איז מעגליך אויף צוויי אופנים: אָדער מען דרעהט זיך אוים מיט'ן רוקען צום ווינד, ווי דאָס טוט די ווינד־מיהל און כאַפּט אויף דעם ווינד אין זיינע פליגלען, אָדער, עס איז נישט מעגליך און נישט געוואונשען, מוז מען אינגאַנצען אויפהערען זיך צו לערנען פון ווינד־מיהל און איבערגעהען צום דאַמפף און עלעקטריע־מיהלען, ה. ה. מען מוז אונזער ווירטשאַפט צופּאַסען צו די נייע פאָרמען פון פערקעהר און פּראָדוקציע.

אָבער דאָ קומען מענשען און בעהויפּטען, אַז דער ווירטשאַפטליכער פּראָבלעם אונזערער אין פּוילען איז אין אמת'ן אַ פּאָליטיש־רעכטליכער פּראָבלעם. די בעהויפּטונג איז אַזוי אַלט ווי דער קאַמף פאַר דער יודישער עמאַנסיפּאַציע, ווי דער קאַמף פאַר יודישער גלייכבערעכטיגונג. די יודען אין מערב־אייראָפּאַ, האָבען באמת געגלויבט. דאָס וויבאַלד יודען וועלען נאָר פּאָליטיש ערקלערט ווערען אַלס גלייכבערעכטיגט, וועלען אַלע פראַגען אויף אַז די גאולה איז געקומען. היינט ווייסען מיר אַז די מעשה איז נישט אַזוי, אַז מיט דער פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג זענען מיר נאָך נישט געהאָלפען, אַז דאָס איז נאָר די פאָראויסזעצונג, אָבער נישט דער ציל.

און נישט נאָר וואָס די פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג וועט אונז נישט נוצען, אויב מיר וועלען אַליין נאָר נישט טוהן, נאָר זי וועט נאָך דייטליכער מאַכען אונזער אונבעהאָלפענקייט, אונזער אָרעמאַלע ווירטשאַפטליכע לאַגע. צווישען אונזער פּאָליטישען קאַמף און ווירטשאַפטליכען איז פערהאַן אַ פּרינציפּיעלער חילוק און לוידער איז דער חילוק צו אונזער שאָדען.

אַזוי לאַנג ווי מען האָט געקעמפט אויפ'ן פּאָליטישען פראָנט, איז אונז געווען גוט, מיר זענען געשוואומען מיט'ן שטראָם, מיר האָבען געקעמפט צוזאַמען מיט דעם בעסטען טייל פון דער מענשהייט פאַר פּראָגרעס, פאַר פּאָרטשריט, פאַר דאָס שענסטע און איידעלסטע וואָס מענשען האָבען נאָר אויסגעטראַכט. היינט, ווען דער פראָנט האָט זיך געענדערט, ווען ס'זענען בולט געוואָרען די ווירטשאַפטליכע פּראָבלעמען, קענען מיר נישט מיטגעהן אין קאַמף. אדרבה מיר שווימען געגען שטראָם, וויל יעדע נייע רעפאָרם אין ווירטשאַפט טרעפט אונז און קודם כל אונז, וויל מיר זענען ווירטשאַפטליך הינטערשטעליג.

אָט פאַרוואָס עס איז נויטיג אַ ווירטשאַפטליכער ראַט. דער פראָנט איז אַן אַנדערער און אַנדערע מעטאָדען מוזען ווערען בענוצט אין קאַמף.

ש. י. ט.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאַר אויערען, נאָז, האַלז און לונגען־קראַנקהייטען

קאָנסטאַנטינער 9. טעל. 27-81.

דער פּאָליטישער מאָמענט

אין צענטער פון די פוילישע געשעהענישען איז די פערגאַנגענע וואָך געשטאַנען די פראַגע וועגען די „פעראייניגטע שטאַטען פון אייראָפּע". דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער בריאַן איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ ספּעציעלען פאָרשלאַג וועגען שאַפען „פעראייניגטע שטאַטען פון אייראָפּע"; פריהער זאָל די פעראייניגונג פאָרקומען אַ ריין ווירטשאַפטליכע, און שפּעטער אפשר אויך אַ פּאָליטישע.

דער פאָרשלאַג, וועלכער איז נישט פאַר אַלעמען געווען אונערוואַרטעט איז אַ פועל יוצא פון די לעצטע פּאָליטישע פּראָוויקלונגען וואָס פראַנקרייך קומט איצט אויס אַדורכצומאַכען.

אַמעריקאַ, וועלכע ווערט אַלץ אַגרעסיווער בנוגע אַלע מלוכות פון אייראָפּע רופט אַרויס מצד זיי אַ רעאַקציע אויף איהר האַנדלונג. ס'ווערען בולט'ער די געגענזאַץ־אינטערעסען פון אַמעריקאַ מיט אַלע אייראָפּעאישע מלוכות. דער פּלאַן פון בריאַן איז נאָך היינט אפשר פאַנטאַסטיש, אָבער ער איז שוין אַרויסגערוקט געוואָרען נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק דורכ'ן עסטרייכישען פּאָליטיקער גראַף קודענאַווע קאַלערג, וועלכער האָט געשאַפען אַ גאַנצע בעוועגונג פון פאַן אייראָפּע. גראַף קודענאַווע האַלט, אַז דער אַרויסטריט פון בריאַן איז נישט געווען קיין אימפּראָוויזאַציע, נאָר אַ גוט־דורכגעטראַכטער אין משך פון די לעצטע יאָהרען. בריאַן וויל אַ צוזאַמענאַרבייט מיט ענגלאַנד בעזונדערס, ווען דאָרט שטעהט ביים רודער אַלס אויסערן־מיניסטער אַ פּאַציפיסט. די אידעע פון בריאַן האָט נישט קיין שום הינטער־כוונות אָדער זייטיגע פּלענער. בריאַן איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט נאָך דער וועלט־מלחמה פערשטאַנען די נויטווענדיגקייט צו פערשפּרייטען די לאָזונגען פון פערשטענדיגונג צווישען אַלע פעלקער פון אייראָפּע".

און די דאָזיגע פערשטענדיגונג איז איצט געוואָרען בפרט אַקטועל אַלס אַ בונד פון שוואַכע געגען דעם אַנגרייפענדען שטאַרקען.

דער פּראָיעקט איז פונדעסטוועגען זעהר פערשידען אויפגענומען געוואָרען און ווייט נישט דורך אַלע מלוכות אויפגענומען געוואָרען גינסטיג.

דערווייל געהט אָן די דערנעהענטערונג צווישען די סאָוויעטען מיט ענגלאַנד און מיט אַמעריקאַ. די מאַקדאָנאַלד־רעגירונג האָט שוין דורך דער פערמיטלונג פון נאָרוועגישען געזאַנדטען אין מאָסקווע אָפיציעל איינגעלאַדען די סאָוויעטען, אַז זיי זאָלען שיקען זייערס אַ פאָרשטעהער קיין לאָנדאָן אויף אַרומצורעדען אַ רייהע פראַגען. די אַמעריקאַנער מאַכען עס געשיקטער. זיי פיהרען נישט קיין פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען. נאָכדעם ווי פאַריאָהרען האָבען די נאַפט־קאָנצערנען געשלאָסען אַנ'אָפּמאַך מיט די סאָוויעטען וועגען רוסישען נאַפט, זענען איצט אַ גרופּע פון 100 אַמעריקאַנער מיליאָנערען אָפּגעפאָהרען קיין רוסלאַנד זעהען צי מ'קען דאָרט מאַכען ביזנעס, און זיי האָבען זיך אַזוי געאיילט, אַז זיי האָבען זיך אפילו נישט געוואָלט אָפּשטעלען אין וואַרשאַ אויף 48 שעה, טראָץ דעם וואָס וועגען דעם זענען געמאַכט געוואָרען בעמיהונגען.

אויב דאָ קענען די סאָוויעטען פערצייכנען אַ געוויסען ערפאָלג קומען פאַר פערוויקלונגען פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד גאַנץ ערנסטע — אויפ'ן ווייטען מזרח.

דער אונטערשלאַק פון דעם איצטיגען קאָנפליקט איז דאָסמאָל אַזוי געבייט מיט ווייסע שטעך, אַז מ'קען פון איהר מאַכען אַ גוטע אָנשוילעכע לעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אין מאַנדזשוריע געפינט זיך אַ באַהן־ליניע, וואָס הייסט מזרח כינעזישע באַהן. די דאָזיגע ליניע האָט זיך לכתחילה געפונען אין געמיינזאַמען רוסיש־כינעזישען בעזיץ און אַזוי איז אויך געבליבען נאָכ'ן אַריינדרינגען פון דער סאָוויעטישער מאַכט אויפ'ן ווייטען מזרח.

ווי כינע האָט זיך נאָר דערשפּירט צוואָס פעסטער אין איהר אינעווייניגסטער לאַגע האָט זי אָנגעהויבען צו מאַכען פּרובען פּטור צו ווערען פונ'ם אומגעוואונשענעם שותף אויף דער מזרח־כינעזישער באַהן. די איצטיגע אַקציע פון דער כינעזישער מאַכט איז נישט דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג. אַזוי ווי די כינעזישע רעגירונג בעזיצט נישט קיין גענוגענדע געלד מיטלען, אויף אויסצוקויפען, לויט דעם אָפּמאַך, די באַהן האָט זי בעשלאָסען זיך צו בעגיין אָן דער דאָזיגער „קלייניגקייט". ביי דעם גינציגען שטיל שווייגען פון אַלע ציוויליזירטע מלוכות, וואָס שטייען, ווי בעקאַנט, שטאָל און אייזען „אויף דער וואַך" פון אייגענטום־רעכט" דאָס וואָלט איהר אפשר געלונגען, ווען אין שפּיל וואָלט נישט אַריינגעצויגען געוואָרען יאַפּאַן. עס זענען געגאַנגען קלאַנגען, אַז די סאָוויעטען קלויבען זיך צו פערקויפען זייער חלק באַהן־ליניע דער יאַפּאַנישער רעגירונג כדי פּטור צו ווערען פון די כינעזישע צוטשעפּעניש. דעריבער האָט זיך כינע געאיילט און די באַהן אינגאַנצען פערכאַפּט, אַז די כינעזער שאַפען כסדר אינצידענטען אויף דער שותּפישער ווירטשאַפט, כדי צו צווינגען די סאָוויעטען אָפּצוטרעטען זיי די באַהן־ליניע פאַר חצי־חנם. יעדענפאַלס, אַזוי צי אַזוי, איז קלאָר, אַז יאַפּאַניע וועט זוכען אין דעם מוטנעם וואַסער צו כאַפּען פיש פאַר זיך און צו בעפעסטיגען און פערברייטערען איהר בעזיץ אין מאַנדזשוריע.

אגב האָט יאַפּאַן נאָך אַ טענה, וועלכער מען קען נישט אָפּזאָגען אין גערעכטיגקייט. אויב כינע איז שוין יאָ אַזאַ קונד ווער קען ערב זיין, אַז זי וועט איהרע מעטאָדען וואָס זי האָט אָנגעווענדעט ביי דער מזרח־כינעזישער באַהן, נישט איבערטראָגען אויך אויף דער דרום־כינעזישער באַהן, אין וועלכער יאַפּאַניע איז פערינטערעסירט.

די אָפיציעלע כינעזישע אַגענטורען זענען אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן אויסגעפּרובטען פערד — קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. קיינער שפּילט שוין אָבער נישט אויף דער אַלטער קליאַטשע. אין די אייראָפּעאישע צענטערען פון דער גרויסער פּאָליטיק ווייס מען אויסגעצייכענט, אַז דאָס איז אַ מאַנעוור צו בערעכטיגען די פערכאַפּונג פון דער מזרח־כינעזישער באַהן־ליניע. און מען שרייבט וועגען דעם אָפען צום גליק, האָט זיך נאָך געפונען יאַפּאַן, און אַ דאַנק דעם וועט אפשר נישט קומען צו קיין מלחמה.

די מענשען־פרעסעריי פון „נאַציאָנאַלען כבוד"

איך בין געזעסען זונטאָג אָוונט אין רעסטאָראַן „אייראָפּע", וואו ס'האָט געפּלאַצט פון התמדה דער דזשאַז־באַנד און וואו ס'האָבען אויסגעשטעלט זיך אויסגעוואַקסענע פון זייערע קאָסטיומען „גערלס" און וואו שכור'ע הערען אין פערשידענער קליידונג האָבען געמאַכט שטימונג, איז אין העלצן זאָל אַריין אַנ'אָפּגעריסענער יונגעל מיט אַ פּאַק טרויער־דעפּעשען וועגען דעם אומגליק און אומקום פון דער פוילישער פליה־עקספּעדיציע איבער'ן אַטלאַנטיק.

אַזוי ווי אין קולבאַקס ליד „דער באַל":

„און פּלוצלונג —
טויט !"

דאָס האַרץ האָט אַ שפּרונג געטוהן פאַר שמערצליכען געפיהל איבער דעם גורל פון העלד און סוף פון וואַגעניש.

און ס'האָט זיך אין גאַנצען זאַל צווישען די וויוואַט־שיסער און הורא־שרייער נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל הייסען דער בראַזגעדיגטער מוזיק פערשטומט ווערען און די שכור'ע געשרייען שטיל ווערען כאָטש אויף אַ מינוט, כדי צו בעצאָהלען כאָטש דעם נישטיגען אָפּצאָל פון דאַנקבאַרקייט און בעדויערען, וואָס בעקוועמליכע מענשען זענען שולדיג דעם העלד און ריזיקאַנט. ניין, קיין איינער האָט זיך נישט געפונען.

און עס האָבען ווידער געטאַנצט ענטבלויזטע מיידען מיט שלייבעריגע הערען און עס האָט געפּלאַצט פאַר שמחה דער דזשאַז־באַנד.

וואָס איז דער העלדישער יחיד פאַר'ן כלל? אַ קרבן פון זיין קאָלעקטיווער אייטעלקייט, פון זיין אַמביציע. דער העלד בערעכטיגט פאַר יעדען איינעם זיין אייגענע נישטיגע עקזיסטענץ, און דעריבער, זייענדיג אין גרונד פון זיין ווערען, גלייכגילטיג און אפילו פיינדליך צו דעם העלד אַלס פּערזאָן, אַלס מענש, הויבט מען איהם אויף אין הימעל אַריין אַלס פערקערפּערונג פון די מדות טובות פון דער גאַנצער נאַציע אָדער קלאַס, און ער ווערט אַזוי אַרום אַליין אַנ'אַקציאָנער, אָהן שום ריזיקע, אין דער דאָזיגער קאָלעקטיווער טוגענד.

די געשיכטע פון אַ סך אַטלאַנטיק־פליהען בעווייזען, אַז די פליהער זענען געווען די קרבנות פון דעם דאָזיגען פסיכאָז, וואָס האָט געפאָדערט פאַר יעדען פּרייז אַ העלד. און מען האָט געשטופּט די אומגליקליכע אין אומזיניגע אַוואַנטורעס אין אמת'ן זינען פון וואָרט.

די ערשטע אַטלאַנטיק־פליהער אין דער ריכטונג אייראָפּע — אַמעריקאַ, וואָס האָט שוין אַזוי פיל מענשען געקאָסט, נאָנזשעסער און קאָלי, זענען אויך געווען אַ שטייער פאַר דער פּוסטער אַמביציע פון דעם פראַנצויזישען דורכשניטליכען בירגער. דער „כבוד פון פראַנצויזישען פאָלק" האָט געפאָדערט זיי זאָלען פליהען און זיי זאָלען זיין דוקא די ערשטע, זענען זיי געווען די ערשטע קרבנות. פּונקט אַזוי האָט אַנ'אַנדער כבוד געפאָדערט, אַז צוויי פוילישע אָפיצירען זאָלען אויפ'ן עראָפּלאַן „מאַרשאַל פּילסודסקי" בעזיגען דעם אָקעאַן. און די אָנגעמערקטע קאַנדידאַטען אויף העלדען האָבען זיך געפונען אונטער אַזאַ פסיכישען טעראָר פון דער עפענטליכער מיינונג, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר זיי נישט געבליבען, ווי די דאָזיגע לעכצונג פון דער קאָלעקטיווער חיה צו בעפרידיגען אָדער אומצוקומען.

דער אומקום פון דער דאָזיגער אימפּרעזע איז אַ ווייטאָגליכער קלאַפּ פאַר דער נאַציאָנאַלער אַמביציע. אַ גרויסע וואַרשאַווער צייטונג האָט אין דעם טאָג פונ'ם אָפּפליה געגעבען דעפּעשען מיט קעפּלעך ווי פּלאַקאַטען:

דער גרויסאַרטיגסטער אָפּפליה, וועלכער איז ווען ס'איז געזעהן געוואָרען אין פראַנקרייך.

זיי בעגלייט דער גלויבען אין נצחון.

זיי שוועבען איבערן אַטלאַנטיק.

אַמעריקאַ ערוואַרט די זיגער.

אָבער דער קלאַפּ וועט אפשר האָבען זיין היילנדיגע ווירקונג פאַר די, וואָס דער גורל פון מענשען און נישט זייער אייגענע פּוסטע אַמביציע, ליגט זיי נעהנטער צום האַרצען.

און ווען אין דעם טומעל פון וויין און פרויען, אין דעם רעש פון דעם טאָג־טעגליכען הו־האַ וועט פּלוצלונג אַריינשוועבען דער טראַגישער שאָטען פון אידזיקאָווסקי מיט זיינע פאָראויסגייער און נאָכגייער, וועט אפשר אַ ציטער טוהן אַ האַרץ און שטום ווערען דער מאַרק־געשריי פאַר דער מייעסטעט פון טויט און בעוואוסטזיין פון אייגענער נאַציאָנאַלער מענשענפרעסעריי.

ש. פריי.

די נייעסטע פּערפומען

טואַלעט־זייפען, קעלנישע און בלומען־וואַסערן, פּודערן

אַלערליי קאָסמעטיק אינ- און אויסלענדישע

עמפּפעהלט צו קאָנקורענץ־פּרייזען די איבעראַל בעקאַנטע

PERFUMERJA

I. DRUKIER, ŁÓDŹ

11 Zawadzka 11 Tel. 75-92

אַכטונג ה"ה פריזיערס! בלומען־וואַסערן נאָר 3.20 אַ קילאָ, ראַזיר־זייף „פּיקסין" 7.50 אַ קילאָ,

אויך אַלערליי שטאָהל־וואַרען און פּלאַטין. בעמ.: פאַר ענגראָסיסטען ראַבאַט.

ווי אזוי באראן הירש איז געווארן א יודישער פילאנטראפ

באראן מאריץ הירש איז געווען איינער פון די גרעסטע יודישע פילאנטראפען און די לעצטע יאהר־הונדערטער, אפשר טאקע דער גרעסטער. נעבען איהם שטעהט בלויז דער נדיב הידוע, באראן עדמאנד ראטשילד.

אהן א שיעור פון מיליאנען פראנק האט באראן הירש פערשענקט אויף אייביגע פאנדען פאר קולטורעלע און לאנדווירטשאפטליכער ארבייט צווישען יודען אין פיל לענדער. כמעט אין אלע שפאנישע קאלאניעס, אין זיד־אמעריקא און קאנאדא, אין ארץ ישראל און פראנצויזישען אריענט און אפילו אין היינטיגען רוסלאנד ווערט יודישע קאלאניזאציע געמאכט פון באראן הירשס איבערגעלאזענעם פאנד פאר יודישער לאנדווירטשאפט און יודישע קרעדיט־בענק. זען נישט דער וועלט־קריג, וועלכער האט פערניכטעט א גרויסען טייל פון באראן הירשס יודישע פאנדען דורך דער געלד־ענטווערטונג, וואלט מען די צוזאמענגעבראכענע יודישע עקאנאמיק נאכ'ן קריג אפשר לאנג שוין נעהמען צוריק אויפגעשטעלט אויף א פעסטערען יסוד. דער גרעסטער טייל פון באראן הירשס פאנדען איז אריינגעלעגט און דער ארבייט מחוץ פון אייראפא, אין ארגענטינא, בראזיליען א. אז. וו. חוץ דעם האט א בעזונדערער יודישער פאנד פון באראן הירש געארבייט אין אלטען עסטרייך־אונגארן פאר יודישער ערציהונג און אגרי־קולטור. א גאנצע נעץ פון יודישע פאלקס־שולען אין גאליציען און א גרויסארטיגע לאנדווירטשאפטליכע לעהר־פארמע פאר דער אויסבילדונג פון יודישע קאלאניסטען אלס אויסוואנדערער ווי אויך יודישע קרעדיט־קאסעס פאר האנדווערקער איבער אלע שטעט פון לאנד — דאס אלעס איז אויסגעהאלטען געווארען פון בעזונדערען פאנד פאר עסטרייך־אונגארן. אויך די ערשטע אינטערנאציאנאלע יודישע ארגאניזאציע פאר'ן קריג — די „אליאנס איזראעליט" — האט איהר פינאנציעלען פונדאמענט געהאט בעיקר פון באראן הירשס שטיפטונגען.

עס איז בעקאנט, אז דר. הערצל האט תחלת געמיינט געווינען באראן הירש פאר זיין יודען־שטאאט־פראיעקט אין פאלעסטינא. מ'ווייסט, אז ס'איז הערצלען נישט געלונגען און הערצל האט איבערגעגעבען זיין געשפרעך און זיינע פערהאנדלונגען נאך ביים לעבען. הערצלס טאג־ביכער פערצייכענען זיך אויך מיט דעם וויכטיגען ענין. פאר אלעמען איז אבער נישט גענוג בעוואוסט געווארען פאר וואס דער גרעסטער יודישער פילאנטראפ האט זיך אזוי קאלט אפגערופען אויף הערצלס גענייאלע אידעע. ערשט איצט האט א בעאמטער פון דער אינטערנאציאנאלער שלאף־וואגאן־געזעלשאפט וועלכער פלעגט בעגלייטען באראן הירש אויף זיינע רייזען אין אויסלאנד, פערעפענטליכט א קאפיטעל זעהר אינטערעסאנטע מעמוארען איבער באראן הירשס יודישקייט בכלל און איבער'ן פאלעסטינער פראבלעם אלס יודישע מלוכה בפרט. אט די זכרונות פון היינריך הערמאן הוסערל — אזוי הייסט דער אלטער פענסיאניסט פון דער שלאף־וואגאן געזעלשאפט — בעריהרען בעזונדער די היסטארישע צייט פון 1895, ווען הערצלס „יודען־שטאאט" האט אויפגערודערט די וועלט און ס'האט זיך צוגעגרייט די ציוניסטישע וועלט־ארגאניזאציע מיט'ן ציוניסטישען קאנגרעס אלס דאס ערשטע יודישע פארלאמענט אין גלות צוליב ארץ־ישראל.

מעגליך, אז הערצל וואלט געזען געראטען מעהר מזל און מיט איהם דאס גאנצע יודישע פאלק, ווען די באראני וואלט געזען פעראינטערעסירט געווארען פאר'ן „יודען־שטאאט־פראיעקט" אין פאלעסטינא. זי האט אבער געלעבט אבגעזונדערט פון מענשען און מען האט קיינעם נישט צוגעלאזט צו איהר. אבער איהר השפעה אויפ'ן באראן איז געווען אזוי שטארק, אז שפעטער איז די נויט פון יודישען פאלק געווארען אויך זיין איינציגע און גרעסטע זארג און פאר א קלענסטער בעליידיגונג פון זיין יודענטום איז ער געווען א נוקם ונוטר. אזוי האט פאסירט, אז דער סערקל דע פאריז — א קלוב פון העכסטען פראנצויזישען און אינטערנאציאנאלען אדעל — האט אבגעזאגט באראן הירש די מיטגלידערשאפט צוליב זיין „מאזאאישער קאנפעסיאן". באראן הירש האט תיכף געלאזט קויפען דעם פאלאץ, וואו דער „סערקל דע פאריז" האט געהאט זיינע סאלאנען און אין א שעהנעם פריה־מארגען איז דער אנטיסעמיטישער אריסטאקראטען־קלוב ארויסגעווארפען געווארען פון דאזיגען פאלאץ אויפ'ן סאמע מיט'ן גאס. אין גאנץ פאריז האט מען דאמאלס גערעדט פון באראן הירשס יודישער. קיין רוים און אויך דער רוסישער גרויספירשט נקמה.

אין יענער צייט איז דר. הערצל געפאהרען סערגעי, וועלכער איז בעקאנט געווען אלס בתע־

ערינערונגען, וואס זענען איצט פערעפענטליכט געווארען

נענרינגער שונא ישראל. הוסערל איז מיטגעפאהרען אלס שלאפוואגאן־קאנדוקטאר און האט געהאט לאנגע געשפרעכען מיט מיט דר. הערצל, מיט דעם גרויספירשט סערגעי איבער דער יודען־פראגע. ווען הוסערל האט ראן, סוף דעצעמבער, 1895 בעגלייט באראן הירש אויף זיין רייזע פון שטייערמארק קיין פאריז, האט דער באראן געבעטען דעם יודישען קאנדוקטאר איבערגעבען איהם גענוי בייזע געשפרעכען. באראן הירש האט שוין געוואוסט וואס דר. הערצל וויל, און ס'איז איהם אויך בעקאנט געווען, אז גרויספירשט סערגעי איז א בייזער אנטיסעמיט.

איבער דעם דאזיגען געשפרעך דערצעהלט היינריך הערמאן הוסערל בזה הלשון:

„דער באראן האט זיך אויסגעדריקט זעהר פעסימיסטיש איבער דר. הערצלס פאלעסטינא־פראיעקט, זיין מיינונג איז געווען, אז די אידעע צו שאפען א היימלאנד פאר יודען איז נישט אויסצופיהרען מאכען מיט דער האנד. זי איז אפילו לויבענסווערט, אבער ס'מעג זיין שווער ווערען א לאנד רעגירען. אין פאלעסטינא וועלען די אראבער זיך קיינמאל נישט וועלען לאזען ארויסשטופען פון יודען. אבער כדי בלייבען און בעהאנדעלט ווערען אין פאלעסטינא אלס מינאריטעט פאלק, אפילו אלס גרויסע מינדערהייט, איז כדאי די יודען זאלען אויסוואנדערען פון זייערע פאטערלאנד? נאך אנדערש, ווען הערצל וואלט געוויזען אויסגעפינען א לאנד, וואס די יודען וואלטען עס קענען פערוואלטען און אויפבויען און לעבען אליין אהן מיטוואוינער פון אנדערע רעליגיעס. „אין דעם פאל" — האט דער באראן געזאגט — „וואלט איך מקריב געווען מיין גאנץ פערמעגען, כדי רעאליזירען די אידעע".

דער ווייסט וואס פאר א פנים די זאך וואלט געהאט און וואס פאר א היסטארישע ווענדונג זי וואלט אנגענומען, ווען באראן הירש וואל געלעבט די באלפור־דעקלאראציע און דעם בריטישען פעלקער־בונד מאנדאט איבער א יודישע נאציאנאלהיים אין פאלעסטינא. היינט איז דאס אלעס געבליבען בלויז א היסטארישע ערינערונג מיט דעם איינציג אינטערעסאנטען פונקט, אז דער פולקאם אומפאליטישער פילאנטראפ האט שוין דאמאלס בעוויזען א טיפען פאליטישען בליק איבער דעם אראבישען פראבלעם אין פאלעסטינא.

מיט גרויס אויפמערקזאמקייט האט באראן הירש זיך אויך צוגעהערט צו הוסערל'ס שילדערונג פון געשפרעך מיט גרויספירשט סערגעי, וועלכער האט זיך אנגעהויבען דערמיט, וואס דער גרויספירשט האט געשאסען שוועבעל און פעך אויף יודען.

דערצעהלט הוסערל — איך האב איהם בעוויזען די טובות, וואס רוסלאנד וואלט געקענט האבען, ווען עס זאל אבטרעטען פאר די יודען א שטיק לאנד, כדי שאפען אן אייגענעם יודישען שטאאט. נאטירליך אונטערן בעדינג, אז אלע יודען פון'ם רוסישען רייך מוזען דארט וואוינען און עס אליין פערוואלטען מיט אייגענעם מיניסטער, ושאראבער מעריע, פאליצי א. אז. וו. אבער אונטערגעארדענט דעם צאר. דער גרויספירשט איז אזוי בעגייסטערט געווארען פון מיין פארשלאג, אז ער האט זיך פארגענומען נעהמען אליין די זאך אין דער האנד ארייך תיכף ווי ער וועט צוריקקומען קיין מאסקווא און זיך בעמיהען אויספיהרען דעם פלאן".

הוסערל דערצעהלט נישט, פארוואס ס'איז גארנישט געווארען פון סערגעיס פלאן. ס'איז אבער כאראקטעריסטיש, אז אין גרויסע קרייזען ארום דר. הערצל האט מען לכתחילה געהאט אויך טעריטאריאליסטישע פלענער אהן א צוזאמענהאנג מיט ארץ ישראל. ווייל די פאמיליע הוסערל זענען געווען הערצלס גרעסטע מקורבים. הוסערלס עלטסטער ברודער, דער עסטרייך־אונגארישע גענעראל־שטאבס־אפיציר אבערסט הוסערל איז געווען דער פאנאטישסטער אנהענגער פון דר. הערצל און איז לאנג פיל יאהרען געווען דער סעקרעטאר און פערטרויענסמאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ווין, ווען הערצל אליין איז געווען איהר פרעזידענט און פיהרער.

ד״ר עטקינסאן.

יודישער פארלאמענטארישער קלוב אין רומעניען

אין אפענעם קאמף מיט דער דעמאקראטישער רעגירונג

„גיט א קראץ א רוס, וועט איהר און איהם געפונען א טאטער" — פלעגט מען זאגען אין אמאליגען רוסלאנד. די ירושה פון די טאטערישע צייטען האט זיך געלאזט פיהלען אין דער צארישער מלוכה אויף יעדען שריט און טריט און זיך געשפירט בעזונדער אויף דער קלאגעריגער לאגע פון די יודען.

דאס זעלבע קאן מען זאגען אויך בנוגע רומעניען. דער איצטיגער קאבינעט בעשטעהט אין זיין גרעסטער טייל פון טראנסילוואנער רומענער, וועלכע זענען ערצויגן אויף אונגארישער קולטור. נישט קוקענדיג אויף דער בלוטיגער פיינדשאפט צו דער שכנות'דיגער מלוכה געהען די רומענישע מאכט־האבער אין איהרע דרכים און קולטורען אין זייער פאליטיק די צווייפנימדיגקייט און מאקיאוועליזם פון די בודאפעשטער דיפלאמאטען. נעמען מיר למשל די מינאריטעטען־פראגע. קומענדיג צו דער מאכט האבען די נאצ. צאראניסטען מבשר געווען די ישועות פאר די מינדערהייטען און עד־היום „שטודירט" מען די פראגע און די דעפארטאמענטען און צו קיין רעאלע מאסנאמען איז עס נאך נישט דערגאנגען. דאס זעלבע קען מען נאכפאלגען אויך אויפ'ן געביט פון שול וועזען. אויף די ליפען — דעמאקראטישע פראזען און קלינגענדיגע הבטחות און אין דער פראקטיק — טויטענדער צענטראליזם און סקארבאווע ראמאניזאציע אויף אלע הונדערט פראצענט.

אויף די זעלבע דרכים געהט די רעגירונג אין דער אנגעוועהטאגטער קהלה־פראגע. די טראנסילוואנער רומענער זענען קאטאליקען און האבען איבערגענומען ביי די אונגארען זייערע רעליגיעזע קנאות און יעזואיטישע העויות. צוערשט האט מען אפגעלעגט דאס איינפיהרען פון קהלות אויף א גאנץ יאהר (פון 30. אפריל 1929 אויף 30. אפריל 1930). דערנאך האט מען אריינגעבראכט „סטיליסטישע ענדערונגען און איינציגע פונקטען פונ'ם קולטוס־געזעץ און איצט מאכט מען אן אפענעם אטענטאט אויף דעם עצם קיום פון דער איינהייטליכער יודישער קהלה.

דער איצטיגער קולטוס־מיניסטער — לאורעל וולאד — אליין א טראנסילוואנער האט זיך איינגעבילדעט, אז די פאראגראפען וואס רעדען וועגען דעם, דאס אין יעדען פונקט מוז זיין נאר איין קהלה זענען געגען די פרינציפען פון געוויסענפרייהייט. וועלענדיג יוצא זיין פאר די ארטאדאקסען, וואס געפינען זיך אין טראנסילוואניען און פאר די איינצעלנע ספאניאלישע קהלות האט דער מיניסטער בדעה דערלויבען צוויי און מעהרערע קהלות אין איין שטאט, איבערלאזענדיג פאר דער מלוכה דאס רעכט צו סובווענציאנירען יענע פון זיי וועלכע די מלוכה וועט וועלען.

אזא מין צוגאנג צו דער קהלה־פראגע בעדראהט איהר עצם עקזיסטענץ און בעדייט א טויט־קלאפ פאר דעם געדאנק פון יודישער אויטאנאמיע. דער יודישער פארלאמענטארישער קלוב און דער

(ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט")

פערבאנד פון די קהלות האבען אינטערפעלירט ביים מיניסטער און ביים פרעמיער אבער אהן שום רעזולטאטען. דער קולטוס־מיניסטער האט בעוויזען זיין אמת'ן פנים און ערקלערט אין א אינטערוויא מיט'ן „קורענטול": „איך וואלט א בעלן זיין צו זעהען ווי די יודען וועלען זיך קלאגען פאר אויסלאנד (אזוי טוען זיי דאך תמיד) דערפאר וואס די רומענישע רעגירונג גיט זיי צופיל פרייהייט. דיעזער האט דער מיניסטער בעהויפטעט, אז זיין געזעץ צווינגט קיינעם נישט צוטיילען זיך אין בעזונדערע קהלות און אז ער וויל נישט מעהר ווי גאראנטירען די רעכט פאר אלע רעליגיעזע ריטואלען.

די עקשנות'דיגע אויפפיהרונג פון דער רעגירונג אין אזא לעבענס־פראגע ווי די קהלה האט געצוואונגען אלע יודישע פארטייען און ארגאניזאציעס צו בילדען א פעראייניגטען פראנט בכדי צו פערטיידיגען די יודישע זעלבסטפערוואלטונג. דעם 26־טען יוני איז פארגעקומען אין בוקארעשט אן אויסערארדענטליכער קהלה־קאנגרעס אויף וועלכען עס האבען אנטיילגענומען א חוץ די קהלות אויך די יודישע פארלאמענטאריער און דער יודישער נאציאנאלער קלוב. דר. פילדערמאן האט אנגעוויזען אויף דער געפאהר, וואס שטעקט אין נייעם פראיעקט און בעטאנט, אז די רעגירונג מישט צונויף צוויי בעגריפען: געוויסענס־פרייהייט און רעליגיעזע־פרייהייט. בשעת די ערשטע בעדייט אן אבסאלוטע קאטעגאריע — איז די צווייטע א רעלאטיווע. איבערגעהענדיג צו דער ראלע פון דער רעגירונג אין דער רעגלאמענטאציע פון דעם קולטוס־לעבען האט פילדערמאן מיט רעכט אנגעוויזען, אז דער מיניסטער פאסט אויף דעם ענין קהלה אלס א בעזונדערען נוסח און מישט צונויף דאס ווארט קהלה מיט'ן ווארט סינאגאגע. ער האט זיך ברייט אבגעשטעלט אויף די עקזיסט־

ווילט איהר אז אייערע וואוינונגען זאלען נישט בלייבען אויף הפקר

בשעת איהר זייט אויף זומער־וואוינונגען און אין קור־ערטער?

דאס פערזיכערונגס־ביורא פון ה' מרדכי חיים רוסקאווסקי, קילינסקיעגא 105, טעלעפאן 12,50 נעהמט אן אלע ארט אסעקוראציעס פייער און גנבה ספעציעל וואוינונגען. אלע די, וועלכע פאהרען איצט אפ, דארפען תיכף קלינגען טעלעפאן 12,50 ווי זיי וועלען ווערען בעזוכט ווערען און ארורכ־פיהרען די אסעקוראציע, בכדי די לאזער אייגנ־וואוינער וועלען אין די זומער־חדשים זיין רוהיג און נישט דארפען מורא האבען פאר גנבות. אין עס זייער אייגענער אינטערעס האט תיכף ארורכצ־פיהרען קלינגען טעלעפאן 12,50 און דער פירמע פון מרדכי חיים רוסקאווסקי.

רענדע אין רומעניען קהלות און אנגעוויזען, אז הגם זיי ריכטען אב די גאטעס־דינסטען אויף פערשידענע אופנים איז נישטא קיין שום חלוקי־דעות אין דער אויפפאסונג פון דער רעליגיע. דערמיט האט די רעגירונג ערלויבט, אז עס זאל זיין פערשידענע ריטואלען אין איינער און דער זעלבער שטאט און לאנד. דאך אבער דאס רעכט צו סובווענציאנירען וועמען זי ווילען — האט זי ברעה צו צוברעקלען דאס רומעניש יודענטום און וויגען צווישען פערשידענע קהלות קריגעריע און שפאלטונגען.

נאך שפעטער האט קאנפערירט די אויפפיהרונג פון דער רעגירונג דער פארשטעהער פונ'ם יודישען פארלאמענטארישען קלוב — רעפאסאט יוסף פישער, ער האט אנגעוויזען, אז אויב אין ארא־יא־מארע (גראסווארדיין) האט מען חרוב געמאכט בלויז עטליכע בתי־מדרשים און קלייזלעך, בעו זיך איצט צו מאכען א פאגראם איבער אונזערע קהלה און איבערן גאנצען יודישען לעבען.

ס'בלייבט נאטירליך צו ווארטען אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון די געשעהענישען אין איניגע יודישע פאליטישע קרייזען איז מען געניגט צו מיינען, אז דער יודישער פארלאמענטארישער קלוב דארף רעאגירען מיט פערלאזען דעם פארלאמענט און העראמיט, צווינגען דעם קאבינעט צוריקציהען דעם יודען־פיינדליכען פראיעקט. די אנדערע בעטאנען, אז ביי דער אנטיסעמיטישער שטימונג וואס הערשט אין די הויכע פענסטערן קען אזא שריט נאר פיהרען דערצו, אז די יודישע פערטרעטער זאלען פערלירען די מאנדאטען און אויף זייערע פלעצער זאלען קומען קריסטליכע דעפוטאטען. און אלע עקען לאנג ווערען אפגעהאלטען גרויסע פראטעסט־פערזאמלונגען און עס איז צו מיינען, אז די רעגירונג וועט זיך איבערצייגען, אז דער פראיעקט בעדייט א טויט־קלאפ פאר די יודישע קהלה. די יודישע פרעסע בעמערקט, אז אויב די „ליבעראלען" (בראטיאנו פארטיי) וועלען נישט געווען קיין גרויסע יודען־פריינדליכע האבען זיי לכל הפחות געהאלטען ווארט און געשטאנען פעסט אויף די הבטחות, וואס זיי האבען געגעבען די יודען. די איצטיגע רעגירונגס־פארטיי איז געקומען מיט א צעשאומענער פארמאל פון רעליגיעזער פרייהייט און מיט די זעלבע פרייהייט פערוואנדלען זיי א ברכה אין א קללה: אנשטאט צו ארגאניזירען דעם קולטוס־לעבען און ליגען זיי אנארכיע און צעשפאלטונג.

די אנערווארטעטע ווענדונג אין דער קהלה־פראגע האט אין א גרויסער מאס פערמינערט די פאפולאריטעט פון דער רעגירונג צווישען יודען. דער פארלאמענטארישער קלוב, שלאגט זיך על חטא איבער די פאליטישע אלאנסען, וואס ער האט געגעבען דער רעגירונגס־פארטיי און עס איז נישט אויסגעשלאסען, אז אלע יודישע פארלאמענטאריער זאלען איבערגעהן אין אפאזיציע. אזא מין שריט וואלט געווען גלייך מיט קאנסעקווענצען און וואלט אילוסטרירט לנגד די יודישע מינאריטעט פון דער רומענישער דעמאקראטיע. עס איז איבעריגענס א ספק צו די יודישע פאליטיקער וועלען מאכען אזא ריזיקאלען שריט. (יט״א)

„דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד“

(א בריף פון בערלין)

א. ר. ס. האט דעם 10-טען יולי איינער פון די פיהרער פון די דייטשע סאציאל-דעמאקראטען, דער רעדאקטאר פון „וועלט אם מאנטאג“, ה' ד"ר העלמוט פאן גערלאך געהאלטען א פאר-טראג אין יודישען סטודענטען-פעראיין אין בערלין.

ד"ר פאן גערלאך איז איינער פון די פאפו-לערסטע פערזענליכקייטען אין היינטיגען דייטשלאנד, און רעכענט זיך אלס פאלאנטפולער זשורנאליסט. אויסער דעם איז ער בעקאנט אלס בעל-תשובה, וועלכער איז נאך ניט לאנג געווען א גרויסער אנטיסעמיט; לעצטענס אבער איז ער פון זיי אוועק און האט זיך געווידמעט איינגאנצען דעם קאמף געגען די אנטיסעמיטען. ניט אומזיסט האט זיין פארטראג ארויסגערופען אזא גרויסען אינטערעס און האט צוגעצויגען פיל אינטעליגענטע און אויסלענ-דישע זשורנאליסטען.

ביז מיין 27-טען לעבענס-יאהר, — הויבט ער אן זיין פארטראג — בין איך געווען אן אנטיסעמיט, אלס זוהן פון א שלעזישען גרונד-בעזיצער בין איך ארטאראקסיש-קריסטליך ערצויגען געווא-רען און האב פון קינדהייט-אן געפונען זיך אין אן אנ-טיסעמיטישער געזעלשאפט. בילעכהייז האט זיך אבער ביי מיר ענטוויקעלט א ווידער-פרייזינליכע שטימונג, ביז איך בין אנאפענער געגנער פון די אנטיסעמיטישער רעדנער. האב איך שטענדיג גע הערט, אז יודען זענען שווינדלער, פאר-אויטען א. ז. וו., ווען איך האב זיך אבער פערזענליך פער-בינדען מיט יודען בעקענט, זיך פעראינטערעסירט מיטן יודישען לעבען, מיט יודישע דענקער און שרייבער, האב איך זיך איבערצייגט, אז די אלע אנטיסעמיטישע בעהויפטונגען זענען פאלשע. אזוי ארום זענען דורך זיסענשאפטליכע שטודיומס און פערזענליכע ערפאהרונגען מיינע אנשויאונגען אינ-גאנצען געענדערט געווארען.

איך האב געזעהען פאר זיך גאר אנאנדער טיפ פון יודען, ווי די אנטיסעמיטישע רעדנער פלעגען שילדערן. איך ווייס ניט, צי זאל איך בעדויערן דאס, וואס איך בין אמאל געווען אנאנטי-סעמיט אדער ניט, איך רעכען, אז ניט, ווייל ס'איז מיר איצטער פיל לייכטער מיט זיי צו קעמ-פען, ווען איך ווייס שוין אלע זייערע דרכים.

שטענדיג, ווען דייטשלאנד האט א וועלכען ניט איז קריזיס אדער איבערקעהרעניש איבערגע-לעבט, פלעגען גלייך פלוג-בלעטלעך בעווייזען זיך און בעשולדיגען ווען אלץ די יודען. די ערשטע כפרה איז געווען דער יוד. אזוי איז געווען אין פאריגען יאהר-הונדערט, און אזוי איז איצטער. יודען זענען שולדיג אין קריג, זאגט מען, און יודען זענען שולדיג אין פרידען, יודען זענען שולדיג אין דער אינפלאציע; און יודען זענען שולדיג אין דער רעפלאציע. הכלל — וואו נאר א צרה, האט דער יוד געטהאנען די פעראנטווארטליכקייט.

צוערשט איז דער אנטיסעמיטיזם אין דייטש-לאנד געווען א פאליטישער. די אנטיסעמיטען האָ-בען ביי די וואהלען געצויגען א גרויסע צאהל שטי-מען, דאך האבען די אנטיסעמיטישע רעפוטאטען אין ר כטאג ניט געקענט בשום אופן ארויסגע-בען אנטי יודישע געזעצען. דאס איז פשוט יורידיש אונמעגליך געווען. און אצינד איז געבליבען אין דייטש-לאנד בלויז דער געזעלשאפטליכער אנטיסעמיטיזם. עס שטעקט אבער א גרויסע געפאהר פאר דער דייטשער רעפובליק, פון דער פערשטארקונג פון אנטיסעמיטיזם. אונזערע אנטיסעמיטען, די געוועזע-נע הוטלער-לייט, האבען זיך איצט משנה-השם געווען אין „נאציאנאל-סאציאליסטען“, אבער יעדער ווייסט, וואס אונטער דער מאסקע ס טשוויך. לײדער מוז מען בעטאנען, אז זייער צאהל פערשטארקט זיך פון טאג צו טאג און ביי די לעצטע סטודענטען-וואהלען האט זיך זייער צאהל אויש פערדאפעלט.

ווען די פראווואקאטאריש-באַרבארישע העצער-פאליטיק וועט זיך ביי אונז פערשטארקען, דאן שטייט אויך אונזער גאנצע אויסערן-פאליטיק אין גרויס געפאהר.

דער פרעלעגענט רעקאמענדירט דעריבער צו פעראייניגען אלע סאציאל-דעמאקראטישע זכוחות אהן אונטערשיד פון נאציאן, כדי צו קעמפען מיט די אנטיסעמיטען און זיי ענדליך בעקעמפען. און אט דערפאר, זאגט ער, בין איך געקומען צו אייך, יודישע אקאדעמיקער, מיט'ן אפעל זיך אנ-צושליסען צו אונז אין קאמף געגען די אנטיסע-מיטישע סטודענטען, געגען די אזוי-גערופענע „נאַ-ציאנאל-סאציאליסטען“ (גרויסע אפלאדיסמענטען).

צום שלוס פון זיין פארטראג האט ער אויך איבערגעגעבען זיין שטעלונג צום ציוניזם. ער האלט — זאגט ער — אז דער ציוניזם פערשווערט (?) וועהר פיל דעם קאמף מיט די אנטיסעמיטען. פערשטעהט זיך, אז די לעצטע ארגומענטען זענען ארויסגענומען פון דער „יודיש-ליבעראלער“ צייטונג, וועלכע ער האט ציטירט.

ארום דעם לעצטען פונקט ענטוויקעלט זיך א וואַרימע דיסקוסיע, אין וועלכער די רעדנער פרו-בירען איהם איבערצייגען, אז ער האט א טעות.

אין אלגעמיין האט דער פארטראג געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף די יודישע אקאדעמי-קער אין בערלין.

בערלין, דעם 12 יולי, 1929.

בן פלוני

שאראדז און רעטענישן

לעזונג פון נומער 16.

קרת.

געוואונען האבען פאר'ן בעסטען ענטפער:

1) ראובן ראטפאגעל, אלעקסאנדריסקא 20 2 בילעטען אין קינא.

2) לייב טענענבוים, פראנציסקאנער 8 א בוך.

3) סאניא פענסטער, קאמיענגא 4, א פלאש קאלאנסקע וואסער.

לעזונג פון נומער 17.

פארט—טראם ספארט.

געוואונען האבען פאר'ן בעסטען ענטפער:

1) מ. פריידענרייך, קילינסקי 113, 2 בילעטען אין יודישען טעאטער.

2) רוזשא ארלאווסקא, מארנאווא 36, 2 שטיק טואלעט-זייף.

3) ראדע זאנענבערג, זגערזשער 19|21 א שאכטעל פודער.

לעזונג פון נומער 18.

1) כנה, 2) קנאה, 3) קינה, 4) קינא.

געוואונען האבען פאר'ן בעסטען ענטפער:

1) ירמיהו ראזענבוים, וואלטשאנסקא, 161 2 בילעטען אין קינא.

2) א. לעהין, גאווא-צענעלנ. 39 2 שטיק שאקאלאד.

3) מלך האפמאן, גלובנא 62 א שאכטעל פאפעטעריע.

די געווינסען זענען אָבצונעהמען אין אונזער אדמיניסטראציע דינסטאג דעם 23. ד .ח. פון 5 ביז 7 אווענד

Nr. 19

וואס איז עס: עס זענען פערשידענע זאכען, ליגען זיך אויס פערשידען, און עס קלינגט אויף דעמזעלבען אופן?

איינמאל — איז עס דער געוועזענער הער-שער פון רוסלאנד.

א צווייט מאל — דער יוסטיץ-מיניסטער אין פוילען.

אמאל איז עס אויך ענג,

און שטענדיג איז עס — עגמת נפש.

שאראדען-ווינקעל
קופאן נומער 19

פרעמיעס:

1) 2 בילעטען אין קינא,

2) 2 שט. טואלעט-זייף,

3) 1 פלאש קעלניש וואסער.

Nr. 20

איינס — איז עס א געאמעטרישע פיגור.

צוויי — איז דער מאהאמעדאנישער גאט.

צוזאמען — איז עס ניצול געווארען פון א זיכערען טויט.

שאראדען-ווינקעל
קופאן נומער 20

1) 2 בילעטען אין יודישען טעאטער.

2) 2 שטיק טואלעט זייף.

3) 1 פלאש קעלניש וואסער.

Nr. 21

טייטשען קאן עס האבען פיער;

איינמאל איז עס אקאליר.

ס'איז אמאל — אנאיידעלשטיין

א פרוי זים פאר גרויס און קליין

אמאל מיט דעם מען קנאלט און שיסט.

„טייטשט די סאך, וואס דאס איז?“

שאראדען-ווינקעל
קופאן נומער 21

פרעמיעס:

פרעמיעס:

1) 2 בילעטען אין קינא.

2) 2 שט. שאקאלאד.

3) 1 שאכטעל פודער.

בעמערקונג: די קופאנען מיט די גע-לעזטע שאראדען, בעט מען אבצוגעבען אין קאנווער-טען מיט אנגעגעבענע נעמען און אדרעסען אין אדמיניסטראציע פון „נייעם פאלקסבלאט“ ביז מיט-וואך איינשליסליך.

די נעמען פון די זוכה בגורל געווען אין קומענ-דיגען פרייטאג-נומער פערעפענטליכט ווערען.

ראדיא-פראגראם

פרייטאג, 19 יולי

12,05 ווארשא: קאנצערט פון גראמאפאן-פליטען; 16,30 ווארשא: קאנצערט פון גראמא-פאן-מוזיק; 19,00 ווילנא: „די יוגענד פון גרוי-סע פאליאקען“ רעפ. פון העלענא מארקעוויטש; 19,25 ווילנא: פרעהליכע אוידיציע; 20,30 ווארשא: סימפאנישער קאנצערט פון „דאלינא שווייצארסקא“; 22,05 ווארשא: קאמוניקאט פון פ.א.ט.; 20,00 לייפציג: סימפאנישער קאנצערט; 20,05 וויען: „די פערקויפטע כלה“, אפערע פון סמעטאנא; 20,25 ברעסלוי: „די שעהנע גאלא-טעא“, אפערעטקע פון סופפע; 20,30 מיילאנד: סימפאנישער קאנצערט; 30,20 בודאפעשט: פארטעפיאן-קאנצערט פון יונא דאנאני; 21,00 רוים: „טופאשינא“, פעטריס אפערעטקע; 21,35 לאנדאן: דרום-אפריקאנישער קאנצערט.

שבת, 20 יולי

12,05 ווארשא: קאנצערט פון גראמאפאן-פליטעס; 16,40 ווארשא: קאנצערט פון גראמא-פאן-פליטעס; 17.25 ווארשא: „אלכעמיא און אלכעמיקער“, רעפעראט פון יוזעף אליכ:עוויטש; 18,00 קראקא: סצענעס פון „טרוים אין א זומער-נאכט“, אוידיציע פאר יוגענד; 20,30 קאטאוויץ: „די צויבער-פידעל“, אפערעטקע פון אפענבאך; 20,30 ווארשא: קאנצערט פון „דאלינא שווייצאר-סקא“; 22 ,05 ווארשא: קאמוניקאט פון פ.א.ט.; 23,40 קראקא: טאנץ-מוזיק; 20,00 וויען: דריי איינאקטערס פון קורטעלען; 20,00 לייפציג: „דער רעטערגאטטע“, אפערעטקע פון לעהאר; 20,00 האמבורג: „די דארפישע ריטערליכקייט“ אפערע פון מאסקאני“; 20,45 דאווענטרי: קאמע-ראל-קאנצערט.

לעהרעריז
גוטע פעדאגאגין ערטיילט אונטעריכט פאר צרוואק-טענע אין פאלנישע יו-דישע און דייטשע שפרא-כען צו ביליגע פרייזען לאסמאן בזוינער 15

LUNA
היינט און פאלג. טעג!
גרויסער זיטען-פילם!
רעכט פון דער יוגענד
וואונדערשעהן ליד פון ליבע, יוגענד און אפפערונג. אין די הויפטראלע: די פולע מיט פריהלינגס-רייץ
Madge BELLAMY און דער שענסטער מאן פון האליוואוד Barry NORTON
פראכטיגע מוזיקאלישע אילוסטראציע אויסגעפיהרט פון סימפאנישען ארקעסטער אונטער דער דירעקציע פון ה' א. טשודנאווסקי. אנהויב פון די סעאנסען 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 בייטאג. פרייזען פון די פלעצער פערקלענערט. שבת און זונטאג פון 12—3 נאכמ. זענען אלע פלעצער 50 גר. און 1 זל.

Kino Spółdzielni
Sienkiewicza 40.
אנהויב אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג און יו"ט 2 נאכמ., לעצטער סעאנס 10 אוו.
לעצטע 2 סעאנסען—אין גארטען.
היינט און פאלגענדע טעג! — היינט און פאלגענדע טעג!
די געליבטע פון אכראנע-אפיציר
דראמע פון די צייטען פון דער רעוואלוציע אין 1905 אין 10 אקטען. — אין די הויפטראלען: Włodzimierz GAJDAROW i Marcella ALBANI
צו דעם דאזיגען בילד ווערען אויסגעפיהרט כאר-געזאנגען פון א רוסיש-אוקראינישען-כאר אונטער די לייטונג פון ה' אקימאוו
נעכסטער פראגראם: „א מענש, וואס לאכט“ אין די הויפטראלען CONRAD VEIDT i MARY PHILBIN

ODEON
היינט און פאלגענדע טעג!
ארצי-אינטערעסאנטער פרעכטיגער פילם א. נ.
פאסירונגען אן אנשטענדיג פרייליין
פראכטיג סאלאן-בילד אין די הויפטראלען ESTHER RALSTON, LANE CHANDLER

WODEWIL
היינט און פאלגענדע טעג!
אין עראטישען סאלאן-פילם א. נ. GEORGE OBRIEN
די סעקרעטארקע פון באקס-קעניג
אויסער'ן פראגראם: א פארס. פרייזען פון די פלעצער אויפ'ן ערשטען סעאנס 50 גר. און 1 זל. אויסער'ן פראגראם: א פארס.

קינא-טעאטער פירא
פראנציסקאנסקא 31
היינט און פאל. גענדע טעג!
גרויסע סענסאציאנעלע פרעמיערע!
די האטעל-גנבים
DOMENICA GAMBRINO
גרויסע סענסאציאנעלע דראמע אין 10 אקטען אין דער הויפטראלע:
אנהויב 4.30 נאכמיטאג, שבת און זונטאג 1 א זייגער בייטאג. אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען אלע פלעצער צו 50 גר.
די מוזיק איז געניי צוגעפאסט צום בילד. דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט.

וויכטיג פאר לעטניקעס

PALMA-PATENT

אנשטאט זיך צו בארגען א בעט אויף אבנוץ-געלד

קויפט בעסער פאר'ן זעלבען געלד

אנ'עכט פאטענטירט בעט מיט א מאטראץ

וואס איז פערזעהען מיט דער שוץ-מארק PALMA-PATENT

פאר וועלכען מיר גאראנטירען אויף 3 יאהר.

אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל

ניקעל-בעטען, אמעריקאנקעס,

ניקעל-קינדער-בעטען, קינדער-וועגעלעך,

טיש-בעטען, קינדער-בענקעלעך

מעטער-מאס, אויף רעדלעך.

מאטראצען געבעטע, שאטקאווע און קאנאדיסקע

קאזעטקעס און טאפטשאנעס

בעט.: בעטלעך מיט ווענטלעך ווייס און גרוין 17 זל., פאלאוע-בעט. 14 זל.

רעעלע בעהאנדלונג. פאבריקס-פרייזען. זעמטליכע רעפעראטורן.

הורט לאדז, פאלנאצנא 24, טעל. 31-85. דעטייל

וויכטיג פאר מחותנים 44

קויפט נישט קיין

מעבעל

בעפאר איהר איבערצייגט אייך נישט און מיין מעבעל-געשעפט

44 גראנסקא (דלוגא) 44

Ch. LAZNIK, tel. 62-56

נאר בא מיר קענט איהר קויפען מעבעל שיין, גוט און ביליג

44 בעמערק. אויך קויף איך פערשידענע מעבעל, דיוואנעס, פעלצען, נייטמאשינען און צאהל די העכסטע פרייזען. געדענקט, 44 נאר 44 — 44

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר וועגערישע הויט-קראנקה, און מענער-שוועכע אנצליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען. קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.

— — טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אוונד. — —

פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 8 נאכמ.

נעמט-אן א פרוי-דאקטאר גור קינדער און פרויען

זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

— אפזונדערע ווארטע-צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

דער איבעראל בעקאנטער און רענאמירטער

קונסט-פאטאגראפישער אנשטאלט

„PARISIEN"

30 פראנציסקאנסקא 30

פיהרט אויס די שענסטע קונסט-פאטאגראפיעס

לויט דער נייעסטער פאטא-טעכניק

פאסט-פאטאגראפיעס, פארטרעטען, גרופען-אויפנאהמען

פאר שולען און פעראיינען.

סאלידע בעהאנדלונג ! מעסיגע פרייזען !

בעט.: כ'נעהם אויך אן אויפנאמען אויסער דער שטאט מ.ט ספעצ. אפאראטען.

עלטערן!

חדר-שולע

אין מען לאנג עקזיסטירענדע ווערען אנגענומען קינדער ואס לערנען אין פאוושעכנע שולען צו לערנען: חומש, רש"י, נ"ך, משניות, גמרא, היס-טאריע, רעדען און שרייבען העברעיש און יודישע בריוו וכדומה צוזאמענשטעלען, ס'ווערען אויך אנגענומען אנפענגער פון 5 יאהר אן, וו ס'הערט אין פער לויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך עברי, א שפראכע רעליגיעזע ערציהונג ! — — צוגענגליכע פרייזען !

מנהל יחיאל דוד ראזענפעלד

פלאץ האלנאשטשי 6 קווער אפ. רעכטס 2 שט

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Pomorska 19.

Dr. med. W. EYCHNER

גינעקאלאג-אקושער

נאַרוטאָוויטשא 11.

טעל. 84-72

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע.

אנדזשעיא 5, טעל. 59-40

עמפ. אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אוונד. עפזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

היינט און פאלגענדע טעג!

„ציגאנעריא"

ראמאנטיש מייסטערווערק פון KING VIDOR

לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון MURGER

John Gilbert, Liljan Gish, Renèe Adorèe

אין די הויפטראלען

כימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ש. בייגעלמאן.

אנהויב איז נעוו. טעג 4.30 נאכמ. שבת זונט-ג און יום-טוב 30 2 נאכמ.

היינט און פאלגענדע טעג! גרויסע פרעמיערע! היינט און פאלגענדע טעג!

טראגעדיע פון מענשליכע לעבען אונטער'ן נאמען:

נשמות בעשולדיגן אייך

די קינדערשע

אין די הויפט-ראלען די בעקאנטע פילם-שטערען

CYRK ROYAL — נעכסטער פראגראם:

Natalja Lisienko, Albert Steinrück

קינא-טעאטער

ZACHĘTA

נארושער 26, ביים פ"אן קאסטשעלנע

פערשטארקטער ארקעסטער.

אנהויב פון די פארשטעלונגען אין געוו. טעג 5.30 נאכמ. שבת און זונטאג 3 נאכמיטאג

היינט און פאלגענדע טעג! אויף אלגעמיינעם פערלאנג פון פובליקום! היינט און פאלגענדע טעג.

ווערט דעמאנסטרירט די נייע אויסגאבע אין א גאנץ נייער ליטעראטורישער בעארבייטונג

(TRĘDOWATA) „די מצורעת"

Jadwiga SMOSARSKA i Józef WĘGRZYN

ערשטקלאסיגע דראמע אין 12 גרויסע אקטען.

אין די הויפטראלען: די קעניגין פון פוילישען פילם

אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען אלע פלעצער צו 50 גראשען.

נעכסטער פראגראם: „אין די ליבעס-מליונות"!

קינא „ERA"

פלאצא 22 (בעלויט) — „פלארא" וואוישא

אנהויב פון די פארשטעלונגען 5 זייגער נאכמ. שבת און זונטאג 3 זייגער בייטאג.

דער זאל איז מכאניש ווענטילירט.

פערשטארקטער סימפ. ארקעסטער

היינט און פאלגענדע טעג! 2-טער גרויסער ערעפנונגס-פראגראם! היינט און פאלגענדע טעג!

דאס, וואס איז ביז יעצט נישט געווען! דאס, וואס אלע מוזען זעהען! אלע ביז יעצטיגע פילמען זענען גארנישט געגען דעם פראכטפולען מייסטער-ווערק, וואס שטעלט פאר א הימען פון לי-בע, העלדענמוט און אפפערונג א. ג.

„משוגע פון ליידענשאפט"

Marcella Albani, Hans Mierendorf, Wilhelm Dieterle, Claire Rommer, Jack Trevor

ערשטקלאסיגער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' א. הילשער.

נעכסטער פראגראם: ארציקאמישע אמעריקאנער קאמעדיע אין 2 אקטען.

אנהויב אין געוועהנליכע טעג 3 זייגער נאכמיטאג. שבת און זונטאג 12 בייטאג. אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען אלע פלעצער צו 50 גראשען.

קינא-טעאטער „UCIECHA"

36 אלעקסאנדראווסקא 36

— אין די הויפט ראלען

היינט און פאלגענדע טעג! אזעלכעס האט נאך לאדז נישט געזעהן! גרעסטער דאפעלטער פראגראם!

1) „א פרוי — א ספינקס"

אקטונג! ס'זענען געבראכט געווארען שפאצירעלע זינגענדע אפאראטען. אלע לעבען אויסגעפיהרט אין דעם בילד רוסישע לידער.

2) CLARA BOW — אין איהר שענסטער קרעאציע

דער פעזיגטער פרויען-פיינד

CLIVE BROOK i F. VIDOR — אין די הויפטראלען

גרויסע דראמע פון רוסישען לעבען אויף דער עמיגראציע

אקטונג!

אנהויב 4.30 נאכמ. שבת און זונטאג 12 בייטאג. מאנטאג זענען אלע פלעצער פאר דערוואקסענע 50 גר. קינדער 30

קינא „סירענא"

דער זאל איז מכאניש ווענטילירט.

פערשטארקטער ארקעסטער.

לאדז, 19 יולי 1929

נייער פאלקסבלאט

לאדז, 19 יולי 1929

גלויבען און פאלקסגלויבען

(נאטיצען)

פון ד״ר ז. קאדיש

דאס איינפאכע פאלק, די ברייטע מאסע, דער המון, בעזונדערס די פויערים־מאסע, וואס לעבט אין דארף, ווערט קיינמאל נישט פיל בעריהרט פון דער בילדונג און די נייע געדאנקען פון דער צייט.

האט דאס פאלק דעריבער זיין אייגענעם גייסט, זיין אייגענע פאלקס־קולטור און זיינע אייגענע פאלקס שאפונגען.

אויך אין גלויבען, אין רעליגיע, געהט די ברייטע מאסע אויף איהרען אן׳אייגענעם אלטען וועג און לאזט זיך נישט פיל לערנען פון די געבילדעטע, די רעליגיעזע לערער, די פריסטער און די טעאלאגען פון דעם פאלק.

עס האט דעריבער עקזיסטירט אין אלע צייטען, ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער א פאלקס־גלויבען אדער פאלקס־רעליגיע גלייכצייטיג מיט דער אפיציעלער רעליגיע. ווען מיר רעדען פון די רעליגיעזע השגות און געדאנקען פון א פאלק אין א געוויסער צייט, מוזען מיר דעריבער האלטען שטענדיג אין זינען, אז א חוץ דער עפענטליכער אפיציעלער רעליגיע, ווי עס האבען זי געפרעדיגט די רעליגיעזע ווארט־פיהרער און די רעליגיעזע ביכער, איז אויך געווען א פאלקס־רעליגיע, וועלכע האט נישט געהאט קיין אפיציעלער פארשטעהער, אבער וועלכע האט נאך נישט אויפגעהערט בעהערשען די השגות, די זיטען און דעם לעבענס־שטייגער פון דעם פאלק.

איך וויל דאס אביסעלע קלאהר מאכען.

אפיציעלע רעליגיעס האבען פעלקער, וואס פיהרען שוין א מלוכה־לעבען, וואס האבען שוין א טעמפעל און פריסטער און געטער, וועלכע זענען פערבונדען מיט דעם נאציאנאלען לעבען פון דעם פאלק און מיט דער מלוכה. מ׳קען אלזא, זאגען, אז אן אפיציעלע רעליגיע איז אן ארגאניזירטע רעליגיע, וועלכע פערנעמט א פלאץ אין דער מלוכה, וועלכע האט פעסטגעשטעלטע צערעמאניעס און אפיציעלע לערער און פארשטעהער.

זייט ביי זייט אבער מיט דער אפיציעלער רעליגיע האט שטענדיג געפיהרט איהר עקזיסטענץ די פאלקס־רעליגיע, וועלכע בעשטעהט פון עלטערע, לאנג שוין אפגעלעבטע רעליגיעזע השגות, גלויבונגען און מנהגים. די פאלקס־רעליגיע איז נישט ארגאניזירט. האט נישט קיין פריסטער, קיין טעמפלען און קיין אפיציעלע רעליגיעזע דינים. זי לעבט אבער אין דער שטיל און שפילט א גרויסע ראלע אין דעם לעבענס־שטייגער פון דעם פאלק. אין פריוואטען לעבען שפילט זי אפט א פיל גרעסערע ראלע, ווי די אפיציעלע רעליגיע.

די פאלקס־רעליגיע בעשטעהט אלזא מעהרסטענס פון אבערגלויבען.

דער ווארט אבערגלויבען איז זעהר פאפולער. אלע בענוצען זיך מיט איהם. אבער נישט אלעמען איז קלאהר, וואס דאס איז אזוינס אבערגלויבען. דערהויפט איז נישט אלעמען קלאהר, וואס דער חילוק איז צווישען גלויבען און אבערגלויבען.

אן׳אבערגלויבען איז אן אפגעלעבטער גלויבען א גלויבען פון פערגאנגענע צייטען, יעדע פארשטעלונג, יעדע השגה, וואס מיר רופען היינט איבערגלויבען, איז אלזא נישט קיין אבערגלויבען אזוי און פאר זיך, נאר איז געווארען אן׳אבערגלויבען אין פערלויף פון דער צייט. פונקט ווי יעדער עובר־בטל איז אמאל געווען יונג און פריש, אזוי איז יעדער אבערגלויבען געווען אמאל א פרישער, לעבעדיגער גלויבען, און אויך פערקעהרט, פונקט ווי יעדער יונגער מענש ווערט מיט דער צייט אלט און אפגעלעבט, אזוי ווערט אויך, אדער קאן ווערען, יעדער גלויבען אן׳אבערגלויבען.

א מענש אבער, ווען ער ווערט אלט און אפגעלעבט, מוז פריהער אדער שפעטער שטארבען. א גלויבען אבער שטארבט קיינמאל נישט ער ווערט העכסטענס ארויסגעשטויסען פון דער עפענטליכקייט, אבער ער עקזיסטירט ווייטער ביי די אפגעשטאנענע, אדער ווי מען זאגט געוועהנליך, ביי די אבערגלויביגע מאסען, אויך ביי די קרייזען פון פאלק וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט דעם נייעם גייסט און דעם נייעם, העכערען גלויבען פון דער צייט. שטארבט נישט אינגאנצען אפ דער אלטער גלויבען. ער עקזיסטירט נאך ווייטער טויזענדער יאהרען אין דער געשטאלט פון אלטע מנהגים, וועלכע מענשען היטען אפ. דער גלויבען, פון וועלכען די דאזיגע מנהגים שטאמען, איז שוין לאנג אפגעלעבט, איז שוין פון דער אפיציעלער רעליגיע ערקלערט אלס אן׳אבערגלויבען, אבער די מנהגים ווערען נאך אלץ פראקטיצירט.

איך וויל דא געבען אן׳אלגעמיינעם ביישפיל פאר דעם.

ס׳איז געווען אמאל א צייט, שוין לאנג, לאנג צוריק, ווען מענשען האבען נאך נישט געהאט דעם בעגריף פון גאט אדער געטער, נאר זיי האבען געגלויבט אין „רוחות", גוטע און נישט־גוטע. שפעטער האבען די רעליגיעזע השגות פון די מענשען ענטוויקעלט אביסעל העכער, און זיי האבען געהויבען גלויבען אין געטער. אז ס׳איז אויפגעקומען דער גלויבען אין געטער איז אלזא, דער גלויבען אין רוחות, אין שדים געווארען אן׳אבערגלויבען. פונדעסטוועגען אבער איז דער גלויבען אין טייוואלים נישט פערשוואונדען פון דער וועלט, און א היפש ביסעל מענשען האבען נאך איצט, אין אונזער צייט, מורא פאר נישט־גוטע.

אבער אפילו מענשען, וועלכע זענען נישט אבערגלויביש, היטען נאך איצט אפ טויזענטער מנהגים, וועלכע שטאמען פון דעם גלויבען אין טייוואלים און אין כשוף. ווארים כמעט אלע מנהגים, וועלכע ווערען שטרענג אפגעהיט ביי קינפעטען, חתונות און לויות, זענען פערבונדען מיט דעם גלויבען אין כישוף און אין רוחות.

ווי בעציהט זיך די אפיציעלע רעליגיע צו דעם פאלקס־גלויבען?

אויף דער דאזיגער פראגע קען מען נישט געבען איין בעשטימטען ענטפער. עס הענגט אפ פון וועלכער רעליגיע מיר רעדען, און פון וועלכער צייט און דער געשיכטע פון יענער רעליגיע. ווארים די שטעלונג פון דער אפיציעלער רעליגיע צו דער פאלקס־רעליגיע איז נישט אלע מאל דיזעלביגע.

אלס כלל איז די אפיציעלע רעליגיע פיינדליך צו דער פאלקס־רעליגיע און זוכט זי צו אונטערדריקען.

זעהר אפט אבער מאכען די פארשטעהער פון דער אפיציעלער רעליגיע פשרות מיט דער פאלקס־רעליגיע, און זיי גיבען א הכשר אויף דעם אדער יענעם מנהג, וועלכער איז פערבונדען מיט אן׳אבערגלויבען, טייטשען אין איהם אריין א נייעם זין, א נייע כוונה, און נעהמען איהם אריין אין דעם „שלחן־ערוך" פון דער אפיציעלער רעליגיע. עס זענען געווען אויך צייטען, ווען א סך אפיציעלע רעליגיעס זענען געשטאנען זעהר נידריג, און זענען געווען כמעט אלצאיינס מיט דער פאלקס־רעליגיע.

אין תלמוד און אין די מדרשים איז דא א געוואלדיג רייכער מאטעריאל וועגען דעם אבערגלויבען און די אבערגלויבישע מנהגים פון די יודישע פויערים אין ארץ־ישראל אין די ערשטע פאר יאהרהונדערטער פון דער קריסטליכער צייט־רעכענונג. אבער די דאזיגע גלויבונגען און מנהגים זענען א רייכער מאטעריאל אויך פאר דער יודישער פאלקס רעליגיע אין גאר די אלטע צייטען, אין די צייטען פון דעם תנ״ך.

מיר ווייסען פארלויפיג זעהר ווייניג וועגען דער יודישער פאלקס־רעליגיע אין דער תנ״ך־צייט. די ביבלישע שריפטשטעלער וועלכע האבען געהערט צו די העכערע און געלערנטע קלאסען, האבען נישט געוואלט פיל דערצעהלען פון די גראבע השגות און די געצענדינערישע מנהגים פון די יודישע פויערים אין יענער צייט, און אפילו דאס, וואס זיי האבען יא דערצעהלט, האבען די זאמלער און רעדאקטארען פון דעם תנ״ך נישט געוואלט אריינשטעלען אין די הייליגע ספרים. ווייסען מיר דעריבער א היבש ביסעל וועגען די השגות און גלויבונגען פון די נביאים, די כהנים און אנדערע יודען אזעלכע. אבער, ווי עס האט דעמאלט געגלויבט און געדענקט דער ברייטער המון ווייסען מיר נאר עטוואס.

ווי אזוי אבער קענען דער תלמוד און די מדרשים ווארפען א ליכט אויף דעם לעבען, וואס יודען האבען געפיהרט טויזענד יאהר פריהער?

דער ענטפער אויף דעם איז, אז נאר די רעליגיעזע השגות פון די רעליגיעזע פארשטעהער און ווארט־פיהרער פון דעם פאלק ענדערט זיך אין פערלויף פון דער צייט, דער פאלקס־גלויבען אבער, אדער גענויער, דער אבערגלויבען, ענדערט זיך נישט, אט אזוי ווי ער שטעהט און געהט עקזיסטירט ער שוין טויזענדער יאהרען. דער זעלבער אבערגלויבען און אבערגלויבישער מנהג, וואס מיר טרעפען ביי יודען אין ארץ־ישראל אין די צייטען פון די תנאים, האט אויך עקזיסטירט ביי דעמזעלבען קלאס יודען, ביי דער פויערים־מאסע, אין דער צייט פון דער יודישער מלוכה, און ער עקזיסטירט נאך אפילו היינטיגען טאג ביי יודען פון פערשידענע לענדער.

פראגרעס פון לופט־פליהעריי

וועט מען קענען מיט דער צייט פליהען אין דער לופט אהן געפאהר?

וואס הערט זיך מיט לופט־פליהעריי? וועלכע אויסזיכטען האט לופט־פליהעריי פאר דער צוקונפט? וועט מען קענען מיט דער צייט פליהען אין דער לופטען אהן געפאהר?

אויף די אלע פראגען געפינען מיר אן׳אינטערעסאנטען ענטפער אין דעם ארטיקעל פון האררי גוגענהיים אין דעם זשורנאל „פארום".

גוגענהיים איז פערבונדען מיט דער וויסענשאפטליכער ארבייט, וואס ווערט איצט אנגעפיהרט אין אמעריקא פאר לופט־פליהעריי און ווייס גוט די הויפט־פראגען וועלכע שטעהען איצט פאר די הויפט־פראגען, וועלכע שטעהען איצט פאר די אלע טוער פון דער עראפלאן־אינדוסטריע.

ער דערצעהלט וועגען דער מערקווירדיגער ענטוויקלונג פון לופט־פליהעריי פאר די לעצטע עטליכע יאהר. עס זענען איצט פערהאן אין אמעריקא שוין דריי צעהנדליג קאמפאניעס, וועלכע האבען איינגעשטעלט אן׳עראפלאן־פערבינדונג צווישען זעכציג שטעט. ס׳איז פערהאן אויך א לופט־פערבינדונג צווישען די פעראייניגטע שטאטען, קובא און צענטראל־אמעריקא. עטליכע טויזענד לופט־מאשינען פליהען איצט ארום פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען. לופט־פליהעריי איז שוין איצט געווארען אויס וואונדער־קינד, ס׳איז שוין געווארען א גרויסע אינדוסטריע, וועלכע ווערט אנגעפיהרט פון רייכע קאמפאניעס פון מיליאנען דאלארס. די אקציעס פון אזעלכע קאמפאניעס ווערען שוין איצט פערקויפט דעם ברייטען עולם.

אבער די עראפלאן־אינדוסטריע האלט ערשט ביי איהרע ערשטע טריט, זי קלייבט זיך ערשט צו בעווייזען, וואס זי קען. מיט דער צייט וועט זי ווייזען וואונדער. די הויפט־ארבייט פון דער לופט־פליהעריי ווערט איצט דורכגעפיהרט אין די וויסענשאפטליכע לאבאראטאריעס און אינסטיטוציעס, וואו ס׳ווערען געזוכט נייע ערפינדונגען און נייע אויסבעסערונגען פאר לופט־פליהעריי. אלע גרויסע קאמפאניעס האבען היינטיגע צייטען אזעלכע וויסענשאפטליכע לאבאראטאריעס און אינסטיטוציעס, וואו זיי מאכען אהן א צאהל אויספארשונגען און צייטענווייז נייע ערפינדונגען.

דער שרייבער פון דעם ארטיקעל פערזיכערט אונז, אז אין עטליכע יאהר ארום, נישט מעהר רעכנט ער, ווי אין א יאהר צעהן ארום, וועט מען ארומפאהרען אויף עראפלאנען פונקט מיט אזא לייכטקייט און זיכערקייט ווי אויף אויטאמאבילען. ער גלויבט, אז דער פערקעהר אויף עראפלאנען וועט נאך זיין לייכטער און גרעסער, ווייל די לופט אין דער הויך האט נישט קיין שום שטערונגען, און מען קען דארט ארומפליהען וויפיל דאס הארץ גלוסט. די איינציגע זאך, וואס קען איצט צווינגען אן׳עראפלאן אראפצוגעהן אויף דער ערד ביי א רוהיגען וועטער, איז נאר א צובראכענע מאשין. און ס׳איז פערהאן א גרונד צו גלויבען, אז מיט דער צייט וועט מען קענען אויך אין א שלעכטען וועטער קאנטראלירען אזוי, אז אן׳עראפלאן וועט עס וועניג וואס ארען.

אזעלכע שוועריגקייטען און שטערונגען פאר עראפלאנען, ווי, צום ביישפיל, דער מאנגעל אין פאסיגע פעלדער, וואו דער עראפלאן קען זיך אראפלאזען, אדער די שווערקייט פון דערקענען שטעט און שטעטלעך, זענען גאר נישט קיין וויכטיגע און וועלען מיט דער צייט אינגאנצען בעזייטיגט ווערען. פערהאן אבער פיל ערנסטערע שוועריגקייטען און שטערונגען. וועלכע ס׳איז שוין גאר נישט אזוי לייכט צו פערמיידען. די הויפט־שטערונג איז די אוממעגליכקייט צו האלטען פעסט דעם עראפלאן, אויף יעדער הויך און ביי יעדער שנעלקייט, און איבערהויפט ביי א נעבעל, דאס איז איצט די גרעסטע שטערונג אין לופט־פליהעריי.

מען מוז מאכען אהן א סוף פראבעס און וויסענשאפטליכע פארשונגען, ביז וואנען מען וועט קענען בעזייטיגען די ערנסטע שטערונג. ווען מען זאל אויסגעפינען א ריכטיגען מיטעל, ווי אזוי צו האלטען זיך אין דער לופטען פריי אין יעדער הויך ביי יעדער שנעלקייט און אין דעם געדיכטסטען נעבעל. דעמאלט וואלט מען ענדליך אינגאנצען בעזיגט די לופט און לופט־פליהעריי וואלט געווארען איינער פון די זיכערסטע פערקעהר־מיטלען אין אלע לענדער.

אבער נישט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס ווילט זיך.

די זיכערקייט אין לופט־פליהעריי ווענדט זיך אן פיל אומשטענדען, איבערהויפט ווענדט זיך עס אן דעם געבוי און פעסטקייט פון דער מאשין. אן דער הילף פון די פלעצער, וואוהין די עראפלאנען לאזען זיך אראפ און אן דער פעהיגקייט פון די פליהער.

דעריבער געהט איצט אן די הויפט־ארבייט ארום די אויסבעסערונגען פון דער מאשין און די „לאנדונג־פעלדער". די פעהיגקייטען און קענטניש פון די פליהער האלט מען די גאנצע צייט אין איין ענטוויקלען דורך אונענדליכע פראבעס און ספעציעלע צוגרייטונגען.

אזוי קומט פאר א ענערגישע ארבייט ארום די עראפלאנען, אן׳ארבייט, וואס איז פערבונדען מיט געזונד און געפאהר.

בעזונדערס געפעהרליך איז דאס פליהען אין א נעבעל. ווייל דער פליהער פליהט דעמאלט כמעט ווי בלינדערהייט. און ער קען זיך אויך נישט פערלאזען אויף די אינסטרומענטען, ער קען זיך אויפהויבען אויף אנגעפעהרליכע הויך, אדער פליהען גאר נידריג, נישט וויסענדיג בעשטימט וואו ער געפינט זיך אין דער וועלט. ער טאפט א וואנד אין דער געדיכטעניש פון נעבעל און ווייס נישט וואוהין צו קערעווען זיין עראפלאן. פיל אומגליקספאלען קומען פאר צוליב די נעבלען, פארזיכטיגע, ערפאהרענע לופט־פליהער קערעווען זיך גלייך אום צוריק, ווען זיי בעמערקען, אז זיי קריכען אריין אין א נעבעל.

איינע, ווייניגער פארזיכטיגע און ווייניגער ערפאהרענע לופט־פליהער פרובען דורכרייסען זיך דורכ׳ן נעבעל: זיי האפען, אז אט־אט ענדיגט זיך שוין דער וואלקען ארום זיי, און זיי פליהען ארויס אויף א ליכטיגע וועלט. אבער זיי נארען זיך אפט אפ אין זייערע האפנונגען, און קומען אמאל אום אלס קרבנות פון זייער אומפארזיכטיגקייט, עס זענען געווען פאלען ווען לופט־פליהער זענען אומגעקומען גאר אונערווארטעט צוליבע א נעבעל.

איין לופט־פליהער, צום ביישפיל, האט אין א נעבעל נאכגעפאלגט מיט גרויס מאטערניש די רעלסען פון אן׳אייזענבאהן, און איז געווען זיכער, אז ער וועט באלד ארויס פון דעם וואלקען. פלוצלינג אבער די רעלסען פערשוואונדען פון זיינע אויגען ווי דורך א כישוף, און דער עראפלאן האט זיך מיט דער גאנצער קראפט א קלאפ געטון אן א בארג. עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, אז דער אייזענבאהן־וועג האט דערגרייכט א טונעל און דער פליהער האט אין דעם נעבעל נישט געקענט בעמערקען דעם בארג איבער׳ן טונעל.

די הויפט־ארבייט, וואס ווערט איצט דורכגעפיהרט פון די עראפלאן־געזעלשאפטען איז דעריבער פערבונדען מיט זוכען מיטלען געגען די נעבלען. מען זוכט אזעלכע מיטלען, מיט וועלכע מען זאל קענען דורכשניידען דעם נעבעל מיט ספעציעלע ליכט שטראהלען. אדער צושטערען, צוקלאפען די געדיכטקייט פון דעם וואלקען, אדער פערבעסערען די אינסטרומענטען מיט וועלכע מען קען בעשטימען ווי הויך מען געפינט זיך איבער דער ערד, אדער אויסבעסערען די פערבינדונגען צווישען דעם עראפלאן און דער ערד א. א. וו.

ס׳זענען אלץ שווערע אויפגאבען, אבער מען קען זיין זיכער, אז מיט ווייטערדיגער אנשטרענגונג און ענערגיע וועט מען זיך דערשלאגען צו דעם זיכערען ציל.

דעם מענשען׳ס מארך האט זיך שוין דערטראכט צו שווערערע און מעהר וואונדערבארע ערפינדונגען.

פ. י.

פאר אייער אברייזע
אויף קוראציע, פער־זעהט אייך מיט אלע קאסמעטישע ארטיקלען
אין דער בעקאנטער און רעעלער
Perfumerja D. MARKUS
Łódź, Piotrkowska 59, tel. 28-02
בעמערקונג: ביי יעדען איינציגען איינקויף ווערט בעלד פון דער רעכנונג אראבגערעכנט 5% עקסטרא־ראבאט. קומט און איבערציוגט אייך!

דער צייטונגס־מאַן פון היינט

פון ש. יאַקאָבי

בײַ די גאַסען־קאַמפּפע, וואָס זענען פאָרגעקומען אין בערלין דעם היי־יאָהריגען ערשטען מאַי, וועגען צווישען אַנדערע קרבנות אויך געווען אַ פּאָר נעהרגע׳ע און אַ פּאָר שווער־פערוואונדעטע צייטונגס־לייט.

דאָס איז נישט קיין צופאַל. עס איז אין די לעצטע יאָהרען אַ רעגעלמעסיגע ערשיינונג צו ווערן צייטונגס־לייט פאַלען אַלס קרבן בײַ די פערשידענע געלעגענהייטען, ווען מענשען קעמפּפען מיט מענשען, אָדער מיט די כוחות פון דער נאַטור. דעם צייטונגס־מאַנ׳ס פּאָסטען איז איצט אין סאַמע צענטער פון אַלע וויכטיגערע ערשיינונגען אין לעבען. ער איז דער בראַווער סאָלדאַט, וועמען די אַנאָנימע וועלט־אַרומנעמענדיגע מלוכה, וואָס רופט זיך „פּרעסע״ פערדאַנקט היינט־צו־טאָג איהר ריזיגע מאַכט, איהר איינפלוס אויף די וויכטיגסטע געלעגענהייטען פון דער מאָדערנער געשיכטע.

דער צייטונגס־מאַן פון היינט בעגנוגענט זיך נישט מעהר ווי מיט יאָהרען צוריק, מיט אַ בלויזען איבער׳חזרן פון זאַכען וועגען וועלכע ער האָט בלויז עפּעס געהערט בעריכטען. ער איז נישט מעהר דער מאַן, וואָס טוט אָן אין אַ קראַנץ פון ווערטער די מעשים און געשעהענישען, מיט וועלכע ער איז בעצם אַ קנאַפּער מחותּן. דער היינטיגער צייטונגס־מאַן שטעהט מיט בײדע פיס אין לעבען, וועגען וועלכע ער בעריכטעט; ער פליהט אינאיינעם מיט די מוטיגע לופט־פליהער און טיילט אַלע זייערע געפאַהרען; ער ציהט אַרויס צום אומערפאָרשטען נאָרד־פּאָל אָדער זיד־פּאָל מיט די מאָדערנע ריזע־קינגען פון דער וויסענשאַפט און שיקט איבער זייערע רייכע און וואונדערליכע ערפאַהרונגען צו דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט דורך די ראַדיאָ־פונקען. דאָס פערבינדען איהם מיט די צייטונגען און זשורנאַלען. ער ציהט אַרויס אין שלאַכט־פעלד אינאיינעם מיט די קריגער און זײַן אייפריג זוכען נאָך מאַטעריאַל פאַר זיינע בעריכטען טרייבט איהם אָפט אין אַ סך גרעסערע סכנות, ווי דעם פּשוטען סאָלדאַט אויפ׳ן שלאַכט־פעלד.

אויף יעדער טעריטאָריע, וואו אומגליק און געפאַהר פערשפּרייטען זייערע טונקעלע פליגלען, איז דער צייטונגס־מאַן דער ערשטער זיך צו בעווייזען. זײַן בערוף הייסט איהם געהן, און זײַן אַן עדות, ווי צום טויט פעראורטיילטע פערברעכער לאָזען אַרויס דעם לעצטען זיפץ אויף דער תּליה, אָדער אין עלעקטרישען שטוהל, און מעגען די ראָזיגע סצענעס פערסטען דערנאָך זיינע טעג און נעכט, מעג די ערינערונג שניידען זײַן האַרץ מיט מעסערס, זײַן בערוף שיקט איהם, און ער מוז געהאָרכען; זײַן בערוף איז אַרײַנצולעגען אַ פינגער אין יעדען וואונד, אויף דעם צאַפּלדיגען קערפּער פון דער געזעלשאַפט — און בעריכטען די פאַקטען צו דער עפענטליכקייט. פּאַרטייען קעמפּפען, ברידער־מאָרדען קומען פאָר אין קליינעם פאַמיליען־קרייז, צי אויפ׳ן ברייטען טומעל־פּלאַץ פון פּאָליטישען לעבען — און די פליכט שיקט דעם צייטונגס־מאַן אַרויס אויפ׳ן בלוטיגען האַס־דערפילטען קאַמפּף־פּלאַץ, נישט צו קעמפּפען, נישט אַנטייל־צו־נעהמען, נאָר צו קוקען, בעטראַכטען, און געטריי בעריכטען, די אַמגענויעסטע צו בעריכטען, און קוילען זענען בלינד אויפ׳ן קאַמפּף־פּלאַץ, זיי טרעפען דעם קעמפּפענדיגען און אויך דעם נייטראַלען בײַשטעהער. און דער צייטונגס־מאַן פון היינט בלייבט אַלײן אָפט אויפ׳ן קאַמפּף־פּראָנט אין דער צאָהל פון די געטויטעטע און פערוואונדעטע.

די געפאַהר, וואָס שטעקט אין דעם ראָזיגען שווערען אָבער העכסט אינטערעסאַנטען בערוף, די מיהען און מניעות מיט וועלכע עס קומט אויס צו קעמפּפען, ווען מען וויל עהרליך נאָכקומען די פליכט פון אַ צייטונגס־מאַן דערהויבען דעם ראָזיגען בערוף צו אַזאַ מדרגה וואו אמת איז דאָס ערשטע געבאָט. צוליב פאַלשקייט, צוליב שקר און פערדרעהונג פון מענשליכע אמת׳ען פעהלען מענשען ווייניגער פעראַנטוואָרטליכע בעשעפטיגונגען. די בעשעפטיגונג פון דעם אמת׳דיגען צייטונגס־מאַן פערלאַנגט אָבער אין ערשטער ריהע אַ ליבע פאַר׳ן אמת, אַ פעהיגקייט צו זיין אומפּאַרטייאיש, אָביעקטיוו און פערשטענדנישפול פאַר מעהר ווי איין צד. דער איר־רעאַלער צייטונגס־מאַן איז דער, וואָס זעצט זיך נישט אַלס ריכטער איבער וועלט און מענשען, נאָר אַלס געטרייער אַפּטער בעריכטער פון טרוקענע טאַט־זאַכען, פון דעם, וואָס אין ענגלישען רופט מען עס „קאָלד פעקטס״, אָבער אין דעם ראָזיגען בעריכט מוז ער זיין אומבעדינגט עהרליך און אויפריכטיג.

היינט, ווען די צייטונג איז כמעט אַזוי אונענטבעהרליך ווי דאָס טעגליכע ברויט איז דער צייטונגס־מאַן דער געבורטסהעלפער פון דער עפענטליכער מיינונג. אונטער זיינע הענד ווערט זי געבוירען און איין שטריך פון זיין פעדער אין פאַלשער שטריך קען זי פערקריפּלען און פערדרעהען, דער אמת׳ער און עהרליכער צייטונגס־מאַן פערגעסט דאָס נישט אויף קיין מאָמענט. ער טאָר דאָס נישט פערגעסען, ווייל דאָס איז דער עצם פון זיין אַרבייט. ער פערדרעהט נישט די פאַקטען, ער פערדעקט נישט דעם אמת.

עס איז נישט נויטיג, אַז דער צייטונגס־מאַן זאָל דווקא אַרויסגעבען זיין פּסק־דין, דורך דעם אָבּקשטעלען די פאַקטען אין דעם ליכט פון אמת און דעם ליכט פון עפענטליכקייט האָט ער שוין ערפילט זיין וויכטיגסטען חוב. ווען דער אמת ליגט אויפגעדעקט, מוז ער פריהער אָדער שפּעטער דערזעהן ווערען. דער צייטונגס־מאַן וואָס פּאַסט־אויף זיין בערוף ווי עס געהער צו זיין, בעטראַכט זיך פאַר אַ מין שומר אויפ׳ן שפּיץ פון אַ לייכט־טורעם, ער שיקט די בעלייכטענדיגע וואַרענדיגע און געפינענדיגע שטראַהלען ווייט און ברייט אַרויס. וועגען דאָס גוטע אָדער שלעכטע זאַכען, אויף וועלכע דאָס ליכט פאַלט אַזוי העל? עס זענען דאָ גוטע און שלעכטע צווישען זיי — אָבער דאָס ליכט מוז פאַלען אויף אַלע צוגלייך.

3

און כאָטש דער צייטונגס־מאַן זיצט בײַם שרייב־טיש, בײַ דער שרייב־מאַשין אָפט נאָהענט בײַם גערויש פון ריזיגע דרוק־מאַשינען, איז ער פונדעסטוועגען נישט קיין שקלאַף צום שרייב־טיש, צו די פיער ווענד, צום געטומעל פון דער ראָטאַציאָנס־מאַשין, ער מוז פערגעסען די גאַס מיט די פיער ווענד, ער מוז קענען אַרײַנדרינגען אין די ד׳ אמות פון צוריקגעצויגענע געלערנטע און פילאָסאָפען אין היסטערישע מאַסענפערזאַמלונגען. ער מוז זיין היימיש אין די פערשידענסטע געמאַרקען פון מענשליכען גייסט, מוז נאָכשפּירען די טריט פון דער נייער צייט און צוצולייגען זיין אויער צו די שטימען פון דער גאַנצער וועלט. כאָטש עס איז איהם נישט תּמיד ערלויבט צו זאָגען דאָס לעצטע וואָרט וועגען די געשעהענישען פון וועלכע ער בעריכטעט, כאָטש ער איז נישט תּמיד אַפילו בכוח דאָס ראָזיגע וואָרט צו געפינען, איז ער אָבער נישט קיין אויסנע־וועניגסטער שותף פון דער קאָכעדיגער מאַסע פון געשעהענישען. ווען דער צייטונגס־מאַן בענוצט זיך מיט אַ לייכטערען אָדער קיהלערען טאָן אין זיינע בעריכטען, ווען ער מאַכט אַ הומאָריסטישע בעמערקונג, ווען סאַטירע רייסט זיך אַריין צווישען זיינע שורות, איז עס נישט קיין סימן, אַז זיין בערוף האָט איהם געמאַכט קאַלט, אָדער האַרט־הערציג, אָדער אַפּאַטיש. דאָס זענען אויסערע ערשיינונגען, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון זיין שטענדיגען קאָנטאַקט מיט טרוקענע פאַקטען, פון זיין חוב זיך אָפּצוהיטען פון איינזייטיגקייט און פאַלשקייט. אין די מייסטע פאַלען אָבער איז דער צייטונגס־מאַן פון היינט אַ סך ערנסטער, אַ סך מעהר פעראַנטוואָרטליך און געוויסענהאַפט.. ווי מיט יאָהרען צוריק. ער זעהט אין זיין בערוף אַ ווירקליכען און נאָר וויכטיגען לעבענס־בערוף, און נישט אַ צופעליגע בעשעפטיגונג, ווי דאָס פלעגט זיין דער פאַל מיט דעם רוב צייטונגס־שרייבער אין פריהערע יאָהרען. דער צייטונגס־מאַן פון היינט ווידמעט זיך זיין בערוף אינגאַנצען, ער מאַכט פון איהם אַ לעבענס־בערוף און בעציהט זיך שוין דעריבער ערנסטער און עהרליכער צו איהם. און אויסערדעם האָט דער היינטיגער צייטונגס־מאַן אַנ׳אומפערגלייכליך גרעסער געפיהל פון פעראַנטוואָרטונג, ווייל ער האָט אויך אַ גרעסער געפיהל פון מאַכט. זיין וואָרט האָט איצט אַ בעדייטונג פאַר דער גרויסער וועלט. ער שטעהט בײַם וויגעלע פון דער עפענטליכער מיינונג וועלכע איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי וואַך, ווי היינט — און ער קען זיין בעדייטונג און זיינע פליכטען. דער ראָזיגער סאָלדאַט אין דער אַרמעע פון דער „אַנאָנימער מלוכה״ איז אונטערגעוואָרפען אַ גאָר שטרענגער דיסציפּלין, אַ גאָר שטרענגען עהרען־קאָדעקס, וועגען וועלכען דער ברייטער עולם האָט נישט תּמיד אַ ריכטיגען בעגריף. מען טאָר נישט פערגעסען, אַז דאָס צייטונגס־מאַטעריאַל, מיט וועלכען דער צייטונגס־מאַן אַרבייט זענען געשריבענע און געדרוקטע ווערטער, דאָס זענען אומדערבאַרעמדיגע עדות געגען דעם, וואָס בענוצט זיך מיט זיי נישט אויף דעם ריכטיגען אופן. אַנ׳אַלטער לאַטיינישער שפּריכוואָרט זאָגט: „דאָס גערעדטע וואָרט פליהט אַוועק, דאָס געשריבענע בלייבט״. נישט נאָר דער וואָרט־קינסטלער ווערט אָבער געאורטיילט לויט די געשריבענע ווערטער זיינע, אויך דער וואָרט־אַרבייטער, דער זשורנאַליסט, דער צייטונגס־שרייבער האָט זיך צו רעכענען מיט דעם, אַז ער וועט געאורטיילט ווערען לויט זיינע געשריבענע ווערטער.

ווי אין יעדען בערוף, אַזוי איז אויך אין דעם ראָזיגען בערוף דאָ פּלאַץ און מעגליכקייט פאַר אָפּווייכונגען פון דעם גלייכען וועג. אָבער דער צייטונגס־מאַן פון היינט ווייכט אַלץ וועניגער אָפּ פון דעם ראָזיגען וועג. ער קען זיך היינט שוין ערלויבען צו זיין אויסגעהאַלטען און עהרליך. זיין וויכטיגע מיסיע צווינגט איהם דערצו. זיין איינפלוס מאַכט איהם מעהר פעראַנטוואָרטליך, זיין שטעלונג מאַכט איהם אויך מעהר אומאָפּהענגיג פון צופעליגקייטען, וואָס קענען איהם אָפּלענקען פון דעם, וואָס איז זיין פליכט.

——:§:——

אויפ׳ן שוים פון דער נאַטור

(אַ לאַבערייקע)

פון יוסף מאַרשעליק

סאַלטשע׳ן האָט זיך פערגלוסט צו מאַכען אַנ׳ אויספלוג אונטער דער שטאָט.

— לאָ׳מיר — האָט זי געזאָגט — אַרויספאָהרען ערגעץ־וואו און כאָטש פערברענגען אַ טאָג אויפ׳ן שוים פון דער מוטער נאַטור.

יעדעס מאָל ווען איך הער אַ שטאָט־מענשען זאָגען „אויפ׳ן שוים פון דער מוטער נאַטור״, לאַך איך. אָבער דאָס מאָל האָב איך נישט געלאַכט. ווען איהר וואָלט געקענט סאַלטשען און ווען זי לאַדט אייך איין צו פערברענגען מיט איהר אַ טאָג „אויפ׳ן שוים פון דער מוטער נאַטור״, וואָלט זיך אייך אויך נישט געגלוסט לאַכען.

איהר וועט באַלד זעהן פאַרוואָס.

מיר האָבען אָפּגעמאַכט צו טרעפען זיך בײַם טויער פון איהר הויז פונקט זעקס אַ זייגער אין דער פריה.

פונקט זעקס אַ זייגער אינדערפריה בין איך געשטאַנען בײַם טויער פון איהר הויז.

אַלעס איז אין יענעם פריהמאָרגען אַרויסגעקומען אין דער צייט — די זון, די מילכמאַנעס, די פויערישע פוהרען, אַפילו דער הונט־שלעגער. בלויז איין סאַלטשע האָט זיך פערשפּעטיגט.

זיבען אַ זייגער האָט זי זיך נאָך נישט געהאַט בעוויזען.

איך בין געוואָרען אומרוהיג און בעשלאָסען אַ רוף צו טאָן זי.

— סאַ־אַ־ל־טשע! — האָב איך אַרויפגעשריגען צו איהר.

דריי מאָל אַזוי:

— סאַ־אַ־ל־טשע!

אָבער סאַלטשע האָט מיך נישט געהערט.

דער איינציגער וואָס האָט מיך געהערט, איז געווען איהר שכן, אַ ליטוואַק. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אַ פענסטער, און בײַ אַ זאָג געטון:

— פאַשאָל וואָן פון דאַנען! וואָס איז דאָס פאַר אַ וועקען מענשען אין אַ שבת פאַרטאָג!

איך האָב אָנגעהויבען צו שטעלען פּיס. אָפּגעגאַנגען אַקעגען אַ דרייסיג פערציג טריט, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטען גאַס, אַריינגעלעגט צוויי פינגער פון יעדער האַנד אין מויל, און אַרויסגעלאָזט אַ הילכיגען פייף.

דאָס — האָב איך געטראַכט — וועט איהר שוין זיכער אויפוועקען.

דאָס האָט גלייך אויפגעוועקט צוויי מענשען, איינער פון זיי איז געווען אַנ׳אַלטער ר״וש מיט אַ נאַכט־מיצעל אויפ׳ן קאָפּ. ער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ שעפּ קאַלטע וואַסער.

דער צווייטער איז געווען מיין אַלטער בעקאַנטער, דער ליטוואַק. ער איז דאָס מאָל ערשינען אין אַ פענסטער מיט אַ פלאַקען אין דער האַנד. און אַ פרעג געטון בײַ מיר:

— וועסט אַוועקגעהן פון דאַנען?

— יאָ, — האָב איך איהם פערזיכערט — איך׳ל אַוועקגעהן.

און האָב טאַקע גלייך אַזוי געטון.

ביז ניין אַ זייגער האָב איך זיך אַרומגעדרעהט איבער די גאַסען, ווי אַ הונט־שלעגער. ווי נאָר עס האָט זיך געעפענט די ערשטע אַפּטייק, בין איך אַריין און אָנגעקלונגען סאַלטשע׳ן דורכ׳ן טעלעפאָן.

זי איז מיר בעפאַלען ווי אַ היישעריק.

— איצט — האָט זי אויף מיר געשריגען — דאָסטו זיך אויסגעקראַצט מיר אָנצוקלינגען! וואו, קאַוואַליער מיינער, ביסטו געווען זעקס אַ זייגער אין דער פריה, ווען מיר האָבען אָפּגערעדט צו טרעפען זיך! ביסט מסתּמא געפּאָפּט צוזעצטערהייט...

וואָס איך האָב איהר אויף דעם געענטפערט, איז דאָ נישט וויכטיג אויסצודערצעהלען. און אפשר איז דאָס יאָ וויכטיג. אָבער צי יאָ וויכטיג, צי נישט, — איך׳ל דאָס נישט דערצעהלען. גאָר פּשוט: איך שעהם זיך... גענוג איז צו וויסען, אַז איך האָב זיך קוים איינגעבעטען בײַ איהר זי זאָל מיר מוחל זיין... זי האָט מיר צוגעזאָגט צו צופּאַקען אויף גיך די פּוטער־קיכען און אַרונטערקומען.

צעהן אַ זייגער בין איך נאָך אַלץ געשטאַנען בײַם טויער פון איהר הויז און געוואַרט.

אַ פּאָר מינוט נאָך צעהן איז צוגעקומען אַ פּאָליציאַנט, אָפּגעמאָסטען מיך מיט אַ פערדעכטיגען בליק, און געפרעגט:

— וואָס טוסט דאָ אַ גאַנצען פריהמאָרגען?

— איך וואַרט — האָב איך געענטפערט — אויף אַ מיידעל. אויב איהר גלויבט מיר נישט, קענט איהר בײַ איהר אַ פרעג טון. זי וואוינט אָט־דאָ, אויפ׳ן דריטען שטאָק, סאַלטשע הייסט זי.

ער האָט מיך עטליכע מאָל אַרומגעקוקט פון אַלע זייטען און געזאָגט:

— קיין באַנדיט זעהסטו טאַקע נישט אויס צו זיין, אָבער אַנ׳אידיאָט ביסטו, דאַכט זיך מיר יאָ...

איך האָב איהם פערזיכערט, אַז דאָס בין איך אַליין, און ער איז אַוועק.

אַ פערטעל צו עלף איז סאַלטשע ערשינען אין אַ פענסטער און, מיך געבעטען, אַרויף צו זיך אין הויז.

די פּוטער־קיכלעך זענען שוין פערטיג! — איז זי מיר אַנטקעגענגעקומען מיט אַ שמחה.

— איך׳ל זיך בלויז — האָט זי געזאָגט — אַר־

און זי איז אַוועק צו זיך אין צימער איבער־
פערטון, וועלען מיר געהן.
בון זיך.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ערשינען איהר מאַמע — אַ ברוגזע יודענע, אַן אָנגעבלאָזענע.

— דאָס — האָט זי געוואָלט וויסען — איז דאָס פאַר אַ פּאָזשאָנדעק, צו קומען וועקען אַ שטאַק קינדער אין אַ שבת פאַרטאָג? זי אַרבייט זיך אָן אַ גאַנצע וואָך, לאָזט איהר כאָטש שבת שלאָפען אַביסעל לענגער... אַרויסשלעפּען זיך מיט איהר גאַנצענע געגנט איז אייך קנאַפּ?

ווען פאַר מיר עפענט זיך אַ גרוב, וואָלט איך זיכער אַריינגעשפּרונגען. קיין גרוב האָט זיך אָבער נישט געעפענט. געעפענט האָט זיך אַ טיר, — סאַלטשעס טיר.

סאַלטשע איז אַרויסגעקומען מיט אַ קוישעל אין האַנד. איך האָב אויך גיך אַ כאַפּ געטון מיין הוט און געזאָגט:

— קום, סאַלטשע, ס׳ווערט שפּעט.

סאַלטשע האָט זיך אָבער נישט געיאָגט.

— מיר דאַכט זיך, — האָט זי געזאָגט — אַז איך בין נישט ווי־געהעריג אָנגעטון. עס קליידט מיר נישט. איך וועל זיך געהן איבערטון.

איך האָב צוגעגעבען, אַז זי איז גערעכט.

סאַלטשע איז ווידער אַמאָל אַוועק איבערטון זיך.

פינף מינוט נאָך איינס, איז זי אַרויס און אָפּגעגעבען צוויי וויכטיגע ערקלערונגען.

ערקלערונג נומער איינס האָט געלויטעט, אַז צייט זי לעבט האָט זי נישט געזעהן אַזאַ הויז, שוין אַ שעה צייט ווי זי זוכט אַרום איהר סטאַניק, און קען איהם נישט געפינען.

ערקלערונג נומער 2 איז געווען נאָך וויכטיגער, לויט דער ראָזיגער ערקלערונג איז שוין איצט געווען צו שפּעט צו אָנהויבען פאָהרען אויף אַנ׳אויספלוג.

— צוויי אַ זייגער בייטאָג — האָט סאַלטשע געזאָגט — איז נישט די צייט אויף צו מאַכען אַנ׳ אויספלוג.

איך האָב איינגעשטימט מיט איהר און געפרעגט:

— וואָס־זשע וועלען מיר טון?

די ראָזיגע פראַגע האָט איהר נישט אינטערעסירט, זי האָט געוואָלט וויסען גאָר עפּעס אַנדערש.

— וואו — האָט זי געוואָלט וויסען — ביסטו געווען זעקס אַ זייגער אינדערפריה. ווען מיר האָבען אָפּגערעדט טרעפען זיך?...

ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון קינאָ, איז שוין געווען אַ זייגער אַכט פאַרנאַכט, סאַלטשע האָט אַרויסגעבראַכט דאָס קוישעל מיט די פּוטער־קיכלעך און מיר געבעטען זעצען זיך.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט.

— נישט אויף אַ שטוהל! — האָט זי פּראָטעסטירט.

— אויף וואָס דען — האָב איך איהר געפרעגט — זאָל איך זיך זעצען?

— לאָמיר, זיך בעסער, — האָט זי געזאָגט — אַוועקזעצען אויף דער פּאָדלאָגע און עסען די פּוטער־קיכלעך. אויף דער פּאָדלאָגע איז עפּעס שעהנער. ס׳איז פונקט ווי אויפ׳ן לאַנד, אַז מ׳פאָהרט אַרויס אויף אַנ׳אויספלוג, ס׳איז פונקט ווי אויפ׳ן שוים פון דער מוטער נאַטור, דו פערשטעהסט!?...

איך האָב גלייך פערשטאַנען. וואָס דען, איך האָב נישט פערשטאַנען?

ווילט איהר!!!
זיך אַסעקורירען אויף לעבען, פייער, גנבה, זעהר גוטע בעקוועמע פאַר אייך בעדינגונגען
קלינגט תּיכף אָן
טעלעפאָן 12-50
אין דער פערזיכערונגס ביוראָ פון
מרדכי חיים רומקאָווסקי
105 קילינסקיעגאָ 105
איהר וועט זאָפּאָרט בעזוכט ווערען, רעעל און פּינקטליך בעהאַנדעלט ווערען.
פערזוימט נישט!!
טיכטיגע אַגענטען קענען זיך מעלדען.

רוסיש-כינעזישע מלחמה

נייע סאָוויעטישע נאָטע צו כינע.—איבערגעריסען די דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען און דעם באַהן-פערקעהר צווישען ביידע לענדער—דער ערשטער צוזאַמענשטויס

מאָסקווא, 18 (ספּ.) די סאָוויעטן-רעגירונג איז נישט צופרידן מיט׳ן ענטפער פון כינא. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט גלייך אָוועקגעשיקט אַ צווייטע נאָטע צו דער כינעזישער רעגירונג, אין וועלכע זי דערמיט זענען אַלע מיטלען פון פערשטענדיגונג זיך — אויסגעשעפּט.

אין דער ראַדיקאַלער נאָטע ערקלערען די סאָוויעטן: 1) איבעררייסען אַלע דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען און אָפּרופען פון כינא אַלע סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטעהער; 2) אָפּרופען די סאָוויעטישע בעאַמטע פון דער רוסיש-כינעזישער באַהן אויף סיביר; 3) אָפּשטעלען די קאָמוניקאַציע, און 4) די סאָוויעטן-רעגירונג פאָדערט, אַז אַלע כינעזישע דיפּלאָמאַטען און בעאַמטע זאָלען תיכף ומיד פערלאָזן די רוסישע גרעניצען.

מאָקיאָ, 18 (ספּ.) נעכטן האָט די היגע באַהן-דירעקציע שוין אויפגעהערט צו פערקויפען באַהן-בילעטען אין דער ריכטונג פון סאָוויעט-רוסלאַנד.

מאָקיאָ, 18 (ספּ.) נעכטן 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג איז איבערגעריסען געוואָרען די קאָמוניקאַציע צווישען כינא און סאָוויעט-רוסלאַנד.

ווען דער כינעזישער צוג פון כאַרבין איז אָנגעקומען צו דער רוסישער גרעניץ ביי מאַנדזשוליי— האָט ער שוין נישט בעקומען קיין שום קאָנטאַקט מיט דער רוסישער באַהן.

פון פעקין מעלדעט מען, אַז די ראַטיגע רעגירונג האָט נעכטן אַרויסגעלאָזט אַן אָפּיציעלן קאָמוניקאַט, אַז די סאָוויעטן האָבען שוין נעכטן מאַכט די ערשטע פרובען זיך אַריבערצורייסען איבער׳ן טייך אַמור (צפון-מאַנדזשוריען).

דאָס איז אָבער בעצייטענס בעמערקט געוואָרען און די סאָוויעטן זענען אָפּגעשלאָגען געוואָרען.

דייטשלאַנד זאָל שיצען די סאָוויעטישע בירגער אין כינא לעגען פאַר די סאָוויעטען

בערלין, 18 (ספּ. טעל.) דער סאָוויעטישער פאָרשטעהער האָט זיך היינט געווענדעט צו דער דייטשער רעגירונג מיט אַ פאָדערונג: אַזוי ווי די סאָוויעטישע רעגירונג האָט איבערגעריסען אַלע דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען מיט כינא, זאָל דייטשלאַנד איבערנעהמען דעם שוץ פון די סאָוויעטישע בירגער אין כינא.

גלייכצייטיג האָט דער כינעזישער געזאַנדטער איבערגעבען אין אויסערן מיניסטעריום אַ ווענדונג פון זיין רעגירונג, אַז צוליב דעם, וואָס די דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען צווישען כינא און סאָוויעטן רוסלאַנד זענען איבערגעריסען, ווענדעט זיך די כינעזישע רעגירונג צו דייטשלאַנד, אַז זי זאָל איבערנעהמען דעם שוץ פון איהרע בירגער אין סאָוויעט-רוסלאַנד.

ביז איצט האָט דער דייטשער אויסערן-מיניסטער קיין תשובה אויף ביידע ווענדונגען נישט געגעבען.

וואָלדעמאַראַס׳עס נייע נאָטע
צו דער פעלקער-ליגע וועגען פוילען

בערלין, 18 (ספּ. טעל.) וואָלדעמאַראַס האָט אַרויסגעשיקט אַ נייע נאָטע צו דער פעלקער-ליגע וועגען פוילען.

וואָלדעמאַראַס בעמיהט זיך צו בעווייזען, אַז די וואָס האָבען געמאַכט אויף איהם דעם אַטענטאַט, האָבען געהערט צו דער ליטווישער עמיגראַציע אין פוילען און האָבען אויסגעפיהרט דעם אַטענטאַט מיט דער הילף פון דער פוילישער רעגירונג. די באָמבע, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען אויף׳ן ליטווישען פרעמיער, זאָל שטאַמען פון פוילען. דער גענויער טעקסט פון דער נאָטע איז נאָך נישט בעקאַנט.

„צעפעלינס" וועלט-רייזע

פרידריכסהאַפען, 18 (ספּ. טעל.) די בוי-לייטונג פון „צעפעלין" מעלדעט. אַלע אויסבעסערונגען אין „צעפעלין" זענען שוין געמאַכט געוואָרען. אַמשפּעטסטענס דעם 4 אויגוסט וועט דער „צעפעלין" פליהען קיין אַמעריקאַ. דער טערמין פון דער וועלט-רייזע איז בעשטימט געוואָרען אויף מיטען אויגוסט, גלייך נאָך דעם צוריקקומען פון אַמעריקאַ.

די האַנדעלס-בעציהונגען צווישען פוילען און ארץ-ישראל

ירושלים, (י.ט.א.) די טעג פאָהרט אָפּ דער פּוילישער האַנדעלס-פאָרשטעהער אין ארץ-ישראל ד״ר בערנאַרד הויזנער קיין פוילען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז צונויפגערופען געוואָרען אַ פרעסע-קאָנפערענץ, אויף וועלכער ד״ר הויזנער האָט רעפערירט וועגען דער ענטוויקלונג פון די האַנדעלס-בעציהונגען צווישען פוילען און ארץ-ישראל.

ד״ר הויזנער האָט אויפגעקלערט, אַז די „פערמיטלער" ביים איינקויפען דעם ארץ-ישראל-טאַבאַק זענען געווען דער געוו. פרעמיער באַרטעל און האַנדעלס-מיניסטער קוויאַטקאָווסקי. ד״ר. הויזנער האָט בדעה, בעת זיין איצטיגען בעזוך אין פוילען דורכצופיהרען, אַז די ציגאַרען, וואָס ווערען אויסגעאַרבייט פון ארץ-ישראל-טאַבאַק, זאָלען הייסען „ארץ-ישראל-ציגאַרען" און די דאָזיגע אויפשריפט זאָל זיך געפינען אויף די מאָנאָפּאָל-קעסטלעך אין העברעאיש.

האַנדעלס-בילאַנס

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער האַנדעלס-בילאַנץ פאַר׳ן חודש יוני האָט זיך פערענדיגט מיט אַ דעפיציט פון 33.853 זל.

ענטדעקט טאַבאַק-שמוגעל פון דייטשלאַנד קיין פוילען
אַרעסטירט די הויפּט-שמוגלער

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש) די לעצטע צייט האָט זיך אַזוי שטאַרק פערגרעסערט דער שמוגעל פון טאַבאַק קיין פוילען, אַז ס׳האָט בעדייטענד אָנגעהויבען פאַלען דער פערקויף פון די מאָנאָפּאָל אויסאַרבייטונג. די גרעניץ-וואַך האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער הויפּט-שמוגלער איז דער אינהאַבער פון 3 הייזער אין וואַרשאַ און 2 הייזער אין טשענסטאָכאָוו פון אַ גוט אין בלאַכאָווניע הינטער טשענסטאָכאָוו, אַ געוויסער אייזיק בזשעזשינסקי זיין רעכטע האַנד איז ביי איהם געווען לעוויק וואָוזשיניעק, וועלכער איז אויך געווען אַדמיניסטראַטאָר פון זיינע הייזער אין טשענסטאָכאָוו.

די גרעניץ-וואַך האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז דער צענטראַל-פונקט וואוהין מ׳ברענגט דעם געשמוגעלטען טאַבאַק און וואו ס׳קומען זיך צוזאַמען די „סוחרים" איז דאָס דאָרף זבוב טשענסטאָכאָווער קרייז.

צוו. אַגד. האָט די אויספאָרשונג פעסטגעשטעלט אַז איינער פון די אָפּנעהמער איז אהרן גרינבערג פון וואַרשאַ (נאַלעווקי 8), צוויי אַגענטען זענען איהם נאָכגעפאָהרען און האָבען שוין אַזוי איינגעאָרדענט, אַז ער האָט געדונגען זייער לאַסט-אויטאָ. אויפ׳ן לאַסט-אויטאָ האָט מען אָנגעלאָדען 12 גרויסע פוסטע קאַסטענס, אָבער אין די קאַסטענס האָבען זיך בעהאַלטען אַגענטען פון אויספאָרשונגס-אַמט. אָנקומענדיג אויפ׳ן לאַסט-אויטאָ קיין זבוב האָבען די אַגענטען פאַר דער קרעטשמע, וואו זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט געטראָפען עטליכע פוהרען און אויטאָס און אויך דעם „חויפּט-סוחר" אייזעק בזשעזשינסקי און לעוויק וואָוזשיניעק.

ווען בזשעזשינסקי האָט דערזעהען די אַגענטען איז ער אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָ און איז אַנטלאָפען. די אַגענטען האָבען איהם נאָכגעשאָסען, אָבער האָבען איהם נישט געטראָפען די אַגענטען האָבען דערוויל קאָנפיסקירט עטליכע הונדערט קילאָ טאַבאַק, אַ קאַסטען מיט ראַזיר-מעסערס פון דייטשלאַנד.

אין אָוונט האָבען זיי אויך געכאַפּט בזשעזשינסקי׳ן. וועלכער האָט זיך אויסגעבעהאַלטען אַ פערגראַמירטער, ס׳זענען אַרעסטירט ביז 15 מאַן.

גרויסע שיף-קאַטאַסטראָפעס
א דייטשע שיף זינקט

פעקין, 18 (ספעצ. טעל.) דער פּאַסאַזשיר-דאַמפער „דענפּלינזער", וואָס געהער צום צפון-דייטשען לאָיד זינקט אויפ׳ן ים און רופט נאָך הילף, אויף הילף זענען אַרויסגעפאָהרען 2 שיפען. אויף דעם זינקענדען שיף געפינען זיך 50 פּאַסאַזשירען.

לאָנדאָן, 18 (ספּ.טעל.) אַן אַמעריקאַנער שיף וואָס איז אַרויסגעפאָהרען ראַטעווען דעם „דערפלינגער" האָט אַרויסגעראַטעוועט 24 פערזאָן.

אונטערגעגאַנגען א שיף מיט 42 פערזאָן

ניו-יאָרק, 18 (ספּ.טעל.) בעת אַ שטורם איז אונטערגעגאַנגען „די טשיליש-מיליטערישע טראַנספּאָרט-שיף „אבטאָ". די טשילישע רעגירונג מעלדעט, אַז אויף דער שיף האָבען זיך געפונקען 43 פערזאָן, פון וועלכע ס׳איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען נאָר איינער.

אָפּערירט ביאַליק׳ן

בערלין, 18 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) פּראָפ. קאַספּער האָט אָפּערירט ביאַליק׳ן אויף נירען-שטיינער. די אָפּעראַציע איז געלונגען אַדורך.

ביאַליק וועט נאָך מוזען פערברענגען אין שפּיטאָל 10 טעג.

בעת׳ן אורלויב
קענט איהר אונבעזאָרגט די פרייד פון אַ זונבאַד געניסען, אויב איהר וועט אָנווענדען
LESCHNITZER
קרעם און זייף
געגען זומער-שפּרינקלעך
דאָס זענען וויסענשאַפטליך אויסגעפּרובטע פּרעפּאַראַטען פון ערפאָלגרייכער ווירקונג.
צו בעקומען אין אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטייקען.
קרעם 3.15, זייף 30 2 זל. וואו נישט, דירעקט פון
Apotheker Drancz & Co. Bielsko.

פּוילישער גענעראַל-קאָנסול לויבט דאָס לעבען אין א״י

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער פּוילישער גענעראַל-קאָנסול אין א״י האָט פאַר דער פּרעסע געגעבען אַן אינטערוויו וועגען דער לאַגע אין א״י. ה׳ זבישעווסקי געפינט נאָר נישט קיין גענוגענדע לויב-ווערטער פאַר די ליסטונגען פון די יודען אין א״י, בפרט פאַר דער אַרבייט פון די חלוצים. דער פּראָגרעס האָט זיך זעהר בולט אַרויסגעוויזען אויף 3 געביטען: קאָמוניקאַציע, איינאָרדענען די וועגען און היגיענע. ה׳ זבישעווסקי לויבט די טעטיגקייט פון׳ם נציב העליון וועלכער פיהרט אַ מעסיגע פּאָליטיק. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין א״י איז שוין לאַנג פאַראיבער און קיין אַרבייטסלאָזע זענען שוין דאָרט נישטאָ, אַזוי אַז די רעגירונג האָט איצט אַרויסגעגעבען פרישע 2,400 סערטיפיקאַטען.

דאָס וויכטיגסטע פּראָבלעם, וואָס די יודען האָבען צו לעזען אין א״י איז דאָס אַגראַר-פּראָבלעם.

ווייטער האָט ה׳ זבישעווסקי איבערגעגעבען וועגען דער ענטוויקלונג פון העברעאיש. ער דערצעהלט, אַז העברעאיש איז שטאַרק פערשפּרייט צווישען דער יוגענד, דאָס איז אַגב אַ בעווייז, אַז ס׳איז נישט ריכטיג די מיינונג, אַז העברעאיש איז אַ טויטע שפּראַך. ה׳ זבישעווסקי דערצעהלט וועגען דעם ווי אַזוי די שפּראַך ווערט פריי געברויכט ביים שפּילען אין קאָרטען, טענים א. אַנד. ער אַליין האָט זיך אויך אויסגעלערענט און לעזט פריי העברעאיש, וועגען די פּוילישע יודען דערצעהלט ה׳ זבישעווסקי, אַז זיי טיילען זיך אויס מיט זייער ליבע צום פּוילישען פאָטערלאַנד.

שטיצע פאַר אַרבייטסלאָזע, וועלכע אַרבייטען 2 טעג אין וואָך

וואַרשאַ, 18, (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין „דזשעניק אוסטאַווו" איז פערעפענטליכט אַ פעראָרדנונג, אַז שטיצע זאָלען בעקומען אויך די אַרבייטער, וואָס אַרבייטען 2 טאָג אין וואָך. די פעראָרדנונג איז בפרט נוגע דעם לאָדזער טעקסטיל-קרייז.

די הויך פון די אונטערשטיצונגען וועט בעשטימען די הויפּט-פערוואַלטונג פון אַרבייטסלאָזען-פאָנד.

רעגירונגס-שטיצע פאַר געליטענע פון פערפלייצונג

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) מיט עטליכע טעג צוריק האָט דער מיניסטאָרען-קאַבינעט בעשטימט 150.000 זל. אַלס שטיצע פאַר די געליטענע פון דער פערפלייצונג אין גאַליציען. איצט האָט די רעגירונג אַריינגעטראָגען אין סיים אַ פאָרשלאַג וועגען צוגאָב-קרעדיטען אויף דעם ציל.

2-טער טאָג ציהונג
פון דער 19-טער פּוילישער מלוכה-לאָטעריע, 3-טע קלאַס
הויפּט - געווינסטען

20.000 – נ׳ 139864.
2000 – נ׳ 114922.
1000 – נ׳ 113464, 132522.
צו 500 זל. – 109611 113875 138272
צו 400 זל. – 15967 35607 58170 69602 112715 150790 150200 165802 178358.
צו 300 זל. – 11550 20408 27337 40785 43049 57039 82639 98781 100125 120640 123928 125504 127182 129381, 145820 149513 155335 160640 169680 175677.

Dr. med.
H. Gutsztadt
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אַקושער און פרויען-קראַנקהייטען
Zachodnia 62
(Cegielniana 23)
telefon 29-52
נעמט אָן פון 8 ביז 10 און פון 5 ביז 7 אָוונד

קאַליגראַף
ל. בערמאַן
(דער יונגער) וואוינט אויף זאַוואַדזקאַ 1,19-ער
שטאָק, און לערנט אויס שעהן און שנעל שרייבען.

דאַנקזאַגונג.

אין נאָמען פון הונדערט בכבוד׳ע פאַמיליעס דריקען מיר אויס אונזער הערצינען דאַנק אַלע ג׳ דאַמען און הערען, וואָס האָבען גענומען אַ אַקטיווען אַנטייל אין אָפּצייכנונגס-טאָג, וואָס מיר האָבען איינגעאָרדנעט דעם 15-טען יולי ד. י. לטובת דער איינציגער יודישער טעגליכער אומזיסטער קוך ביי „נותן לחם" אין לאָדז, וואָס אַ דאַנק זייער מיטאַרבייט האָבען מיר געהאַט דעם געווינשטען ערפאָלג.

די פערוואַלטונג.

חורבן פון דער פערפלייצונג אין מזרח-גאליציע

(פון אונזערע קארעספאנדענטען)

שוידערליכע סצענעס און בילדער פון דער פערפלייצונג-קאטאסטראפע און קוטי

קוטי. אין דער נאכט פון דאנערשטאג אויף פרייטאג האט אויסגעגאסען דער טייך „טשערעמאש" וועלכער גרעניצט פוילען מיט רומעניען און זהאט פערפלייצט די שטעטליך קוטי און זשיזשניצא (רומעניען).

דאס שטעטעל קוטי איז איינגעטיילט אין די שטאט און דאלינא. דאס וואסער האט מיטאמאל אנגעהויבען זיך צו פערברייטען. איין זייט האט זיך צוגעגאסען אויפ'ן שטעטעל קוטי דאלינא אזוי, אז אלע הייזער זענען געווען אין וואסער. עס זענען אלארמירט געווארען די פייערלעשער און די אויטאבוסען און מען האט אנגעהויבען צו ראטעווען. צוערשט האט מען געראטעוועט די קור-געסט. מען האט זיי אפגעפיהרט אין דער פאדשעכנע שול. מען האט אנגעהויבען ארויסצופיהרען דאס בעטגעוואנד און די בהמות.

עס איז אויסגעבראכען אשרעקליכע פאניק. די פויערים האבען געוויינט. זיי האבען ערשט אויפגעבויט די הייזער מיט 2 יאהר צוריק (ווייל אין יאהר 1927 איז אויך געווען א פערפלייצונג-קאטאסטראפע, וועלכע האט צוגענומען 600 הייזער) מען האט געזעהען שווימען א שטוב מיט 2 פרויען און א לאמפ ברענען. זיי האבען געשריגען נאך הילף אבער מען האט נישט געקאנט צו זיי צוקומען.

דאס שטורמישע וואסער האט פערניכטעט די וואסען אויף צעהנדליגער קילאמעטערס, עס איז איבערגעריסען געווארען די טעלעפאן-קאמוניקאציע קוטי-זשאביע, קוטי—קאלאמיי. דאס וואסער איז געווען אזוי שטורמיש, אז עס האט צוגענומען די בריקען.

אין דארף ראשניאוו, האט דאס וואסער פערניכטעט זעהר אגרויסע און שטארקע בריק. און 2 בריקען אויפ'ן וועג צווישען קוטי—קאסאוו. עס זענען נאך פערניכטעט געווארען עטליכע בריקען אויפ'ן וועג צווישען קוטי-זשאביע.

די אויטא-קאמוניקאציע איז זעהר בעשווערט. אזוי למשל אז מען דארף פאהרען קיין קאלאמיי, פאהרט צו דאס אויטא ביז צום וואסער און דאן שיפט מען אריבער איבער'ן וואסער און עס שטעהט דארט א אויטא און פיהרט ווייטער ביז צום וואסער און אזוי. וו. ביז מען קומט קיין קאלאמיי געדויערט א האלבען טאג.

דער סטאראסטא פון קאסאוו איז געקומען דאנערשטאג ביינאכט מיט זיין אויטא און האט אנגעפיהרט מיט דער רעטונגס-אקציע.

דאס שטעטעל קוטי זעהט אויס איצט ווי נאך א חורבן. פיל קלעצער און ברעטער פון די טארטאקען ליגען אויף די וועגען. די טארטאקען האבען געליטען גרויסע שאדענס אויף הונדערטער טויזענדער זלאטעס. ווייל דאס וואסער האט אוועקגעריסען דאס האלץ קיין רומעניען.

קיין טויטע זענען נאך נישטא, נור מען איז זיך משער, אז צווישען דעם אנגעווארפענעם האלץ וועט מען זיכער טרעפען טויטע, ווייל עס פעהלען עטליכע מענשען פון דער גרעניץ-וואך פון רומעניען.

פיל מעהר האט געליטען דאס ארימע שטעטעל זשיזשניצא (רומעניען), ווייל עס ליגט נאהענט ביים וואסער. א שרעקליכע פאניק איז ענטשטאנען ווען ס'איז געווארען פערלאשען דאס עלעקטרישע ליכט און עס איז בעשווערט געווארען די רעטונגס-אקציע. זעהר פיל הייזער ליגען נאך היינט אין וואסער די דארטיגע באהנסטאציע איז אויך בעשעדיגט געווארען. די פויערים קומען נישט אין שטאט אריין, די שטאט איז אהן פרנסה.

פערפלייצונג פון שוויצא און דניעסטער ביי זשוראוונא

זשוראוונא. צוליב דער יזיעה אז די שוויצא ב' זשוראוונא איז געשטיגען לויט'ן נארמאלען שטאנד מיט צירקא 3 מעטער צוליב די שטארקע רעגענס און האט איבערגעשווענקט די גאנצע אומגעגענד איז אייער קארעספאנדענט היכף אריבער שבת פאר-מיטאג, כדי פעסטצושטעלען די ס'האלט אייגענטליך מיט דער איבערשווענמונג.

פרייטאג צו מיטאג, איז די שוויצא אנגעקומען פלוצים און איבערגעריסען אויף דער שרעקע זשוראוונא-האליטש דעם שאסעע אויף א שטח פון 50 מעטער און פערפלייצט אהרע לאנקעס, פון וועלכע די סוחרים האבען אין גרויס איילעניש אוועקגעכאפט די בהמות, מורא האבענדיג, אז שפעטער וועט נישט מעגליך זיין זיי צו ראטעווען. א סך היי איז מיט דעם וואסער אוועק און דער שאדען איז א גענוג גרויסער. זונטאג איז דער שטאנד פון דער שוויצא מיט 60 צענטימעטער געפאלען.

דאגעגען דער דניעסטער איז מיט א סך געשטיגען און פערוואוסט א גאר גרויסען שאדען, אזוי איז די גאנצע לאנקע, וועלכע פערנעהמט א שטח פון עטליכע טויזענד יאך אין משך פון'ם שבת'דיגען טאג פערפלייצט געווארען. די פויערים וועלכע האבען געהאט אפגעקאסעט דאס היי און האבען נאך גאר נישט אהיימגעפיהרט, זענען שבת פאר טאג אוועק קינד און קייט, כדי צו ראטעווען דאס איבערגעשווימטע היי.

אבער מיט שווערער מיה איז זיי געלונגען יעדען פויער אביסעל צו ראטעווען דען די רעטונגס-אקציע איז געווען בעשווערט צוליב דעם, וואס דער צופיהר איז געווארען פערפלייצט.

הונדערטער פיהרען זענען ביז שפעט אין דער נאכט געווען טעטיג ביים ארויספיהרען דאס היי, פאהרענדיג א מעטער טיף אין וואסער און אין א גערעכטער פלאטע פון וועלכער מען האט געמוזט יעדעס מאל א אנדערען ארויסראטעווען.

אויף אנאנדערער לאנקע, אין וועלכע עס זענען געווען א סך בהמות און איז פלוצים פערפלייצט געווארען איז קוים געלונגען מיט שווערער מיה די בהמות פון דארט ארויסצוראטעווען דורך דער מסירות נפש פון די אקספעדיט-סוחרים, וועלכע האבען געמוזט אריבערשווימען און פון דארט די בהמות ארויסטרייבען.

אם מייסטען האבען געליטען די יודישע לאנדווירטען, צוליב דעם, וואס שבת האבען זיי נישט געוואלט פיהרען די רעטונגס-אקציע. יעדענפאלס קען מען רעכענען דאס דער שאדען וועלכען די זשוראווינער בעפעלקערונג האט צוליב דער פערפלייצונג געליטען בעטרעפט העכער הונדערט טויזענד זל.

דערווייל הויבט אן די שוויצא אפצופאלען דאגעגען דער דניעסטער האלט זיך זייט זונטאג פאר מיטאג אין איין שטאנד. מען ערווארט יעדען מאמענט ווען דאס וואסער פון דניעסטער וועט אנהויבען צו פאלען.

די מורא, אז דער דניעסטער וועט מעהר שטייגען און פערפלייצען די איבעריגע לאנקעס איז פאריבער.

גרויסע שאדענס און מענשליכע קרבנות אין טארנאפאלער סביבה

טארנאפאל. דער שרעקליכער שטורעם וואס האט אויך געבושעוועט אין אונזער סביבה, האט איבערגעלאזט מענשליכע קרבנות און גרויסע מאטעריעלע שאדענס. אין דארף משאניעץ פאדוואט טארנאפאל זענען צוליב'ן שטארקען שטורם איינגעפאלען געווארען עטליכע הייזער און סטאדאלעס. בעת דעם שטורם האט זיך געפינען בעהאלטען אין דער סטאדאלע פון פיליפ באיקא זיין פאסטוך סאקאלניק, 13 יאהר אלט, וועלכער איז געפאלען א קרבן. בעת די ווענד זענען איינגעפאלען האבען זיי איהם דערקוועטשט אויף טויט.

אין דאזיגען דארף זענען איבערגעריסען געווארען אלע טעלעגראפען-סלופעס.

אין דארף בורילאווקע האט א דונער פערברענט א שטאל, א סטאדאלע, ווי אויך דעם גאנצען לעבעדיגען אינווענטאר. דעם זעלבען טאג האט אויך א דונער אין שכנות'דיגען דארף פערברענט צוויי פויערישע הייזלעך, א סטאדאלע א שפייכלער און א שטאל. א גרעסערע שרפה איז אויסגעבראכען אין גושימאלאוו. אויך פון א דונער וואס האט פערברענט 3 הייזער.

צוליב דעם שרעקליכען שטורם זענען אויך רואינירט געווארען 9 סטאדאלעס, ס'איז אפגעריסען געווארען דער דאך פון דער מיהל, און פון גראף וואלאנסקים שלאס.

בעתן שטורם האט א דונער אין קאזאטשיזנע דערהרג'עט א פויערטע 36 יאהר אלט, ווי אויך א 77-יעהריגע פויערטע; ס'איז פערברענט געווארען די סטאדאלע און א שפייכלער.

א חוץ דעם זענען כמעט אין אלע דערפלעך פון דער טארנאפאלער סביבה איינגעפאלען די דעכער פון די הייזער. א.ז.וו., אז א סך מענשען געפינען זיך אהן א דאך איבערן קאפ.

פערפלייצונג פערניכטעט ספרי תורות אין יעזיעזשאני

יעזיעזשאני. א זעהר טראגישע פאסירונג איז פארגעקומען אין אונזער שטאט, וועלכע האט אויפגערודערט די גאנצע בארשטשאווער סביבה.

די אלטע היסטארישע שוהל וועלכע שטעהט נאך פון יאהר תק"ג האט שוין געמוזט האבען א נייעם דאך, מען האט דעם אלטען דאך צענומען און אינצווישען האט זיך אנגעפאנגען דער שטורם און שלאגס-רעגען, וועלכער האט געדויערט אין איין גיסען 3 טאג. אויף דער גאלעריע איז געשטאנען א קאסטען ספרים און יריעות פון אלטע ספרי תורה. די ספרים זענען געווען פסול און מען האט זיי בשעת דעם קריג געבראכט פון דער ארומיגער פראווינץ. די פון אלעשטשינסקי, אולאשקאווצע און אנדערע שטעט.

ווען מען האט צענומען דעם דאך האט מען אז דעם קאסטען ספרים פערגעסען און דער רעגען האט געהאלטען אין איין גיסען אויף זיי. ערשט פרייטאג האבען זיך עטליכע מענשען דערמאהנט און מען איז געלאפען די ספרים ראטעווען.

דער קאסטען מיט ספרים איז געווען פול מיט וואסער און עטליכע יודען האבען אנגעהויבען ארויסצונעמען די ספרים. עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז 2 פון די ספרים זענען פון רעגען גענצליך פערפוילט געווארען, אויך זענען א מאסע יריעות פון אנדערע ספרים פערפוילט.

זעהר טראגישע מאמענטען האבען זיך דערביי אפגעשפילט. מען האט אין גאס-רעגען גענומען שניידען די אבגעטיילטע יריעות פון די פערפוילטע ספרים און מען האט זיי געלעגט אין זעהרענע טעפ. מען האט אנגעפילט 4 גרויסע ערדענע טעפ, אויך זענען פערבליבען צוויי גאנצע פערפוילטע ספרים, וועלכע מען וועט קענען גאנצער הייט מקבר זיין.

די ידיעה אז דער רעגען האט פערניכטעט עטליכע ספרים פון דער אלטער שוהל האט אין שטאט ארויסגערופען א גרויסען טרויער. די שולד דערפון טראגען בעשטימט די פערוואלטער פון דער שוהל, כאטש זיי פרובען זיך ריינוואשען, אז די ספרים זענען שוין סיי ווי סיי געווען שטארק אלט און מען האט זיי שוין נישט געקענט פעריכטען...

די לויה פון די ספרים איז בעשטימט געווארען אויף זונטאג זייגער 2 נאכמיטאג. שוין א שעה פריהער האט זיך פערזאמעלט די גאנצע שטאט. און אויך א מאסע מענשען פון דער ארומיגער סביבה.

עס האבען געהאלטען הספדים הרב יחיאל פעפער און דער דראהאביטשער רבי גאטעסמאן, וועלכער וויילט איצט אין יעזשעשאני, די הספדים האבען געדויערט העכער א שעה און האבען געבראכט א שרעקליכען איינדרוק, די קולות און געוויינען פון די אנוועזענדע איז געגאנגען עד לב השמים. צוערשט האט הרב פעפער אויפגעפאדערט די פערזאמעלטע מאסע, אז אנשטאט וואס מען דארף פאסטען זאל א יעדער געבען פריו ונפש, וועלכע סומע עס וועט געהען צו פעריכטען די איבערגעבליבענע ספרים. אויפ'ן ארט איז זגעזאמעלט געווארען איבער הונדערט זל. ביי דער סאסאווער קלויז האבען ווידער געהאלטען הספדים דער רבי גאטעסמאן און הרב פעפער. דער קבר פון די ספרים קומט אויס נעבען קבר פון צדיק, דער זעהר בעריהמטער רבי ר' מרדכי'לע. מען האט אריינגעלעגט די ספרים אין א צעמענטירטען קבר.

מעז מאנט ביי איהם שטייערן פאר א געוועלב וועלכע ער האט קיינמאל נישט געהאלטען

(פון ווילנער שטייער-קוריאזען)

די רוסישע זשורנאליסטיק פון די צארישע צייטען האט פערצייכענט לדורות פאלגענדען פאקט: פון „גובערניע" האט מען געהאט אריינגעשיקט צום „סטאנאוואי פריסטאוו" א פאפיר אויפצומאהנען ביי א שטעטלשען איינוואוינער א פערלעגענעם שטייער.

דער פאליציסקער האט נאך א לענגערער וואכעניש „רעדליגט" דעם פריסטאוו אז דער שטייער צאלער איז ארויסגעפאהרען קיין בראזיליע.

ווענט זיך אוועק דער „סטאנאוואי פריסטאוו" און שרייבט אן א פאפיר בזה הנוסח:

„צו דער בראזיליאנער פאליציי-פערוואלטונג איך בעט איינמאהנען ביים „מעשטשאנין" נ. דעם בעטרעפענדען שטייער. דאס איינגעמאהנטע סומע אפשיקען מיר אין קאנצעלאריע".

דער פאקעט איז אוועק אין דער שטעטלשער פאסט, פון דארט אין גובערניאלען פאסט-אמט. ערשט, אין דער גובערניע האט מען זיך נעכאפט, אז בראזיליע איז גאר א גאנצע מדינה און אז זי געפינט זיך נישט אויף דער רוסישער לאנד-קארטע.

איצט איז מען שוין א סך קליגער געווארען אין הלכות איינמאנען שטייערן, דעם שטייער-צאלער געפינט מען שוין א טויטען אדער א לעבעדיגען.

און מעשה שהיה כך היה:

א געוויסער בנימין זשוק וואס האט געהאלטען אין ווילנע אויף קאנארסקע גאס א געוועלב איז שולדיק געבליבען דעם שטייער אמט אנ'ערך 80 גילדען מיט קליינגעלד שטייערן פאר'ן 25-טען יאהר.

אז מען איז געקומען צו בנימין זשוקן איינמאנען דעם שטייער האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז נישטא. אויסגעמאלדען פון די ביכער און איז ארויסגעפאהרען. אויפ'ן דעם ספק האט מען אין שטייער אמט צוגויפגעשטעלט א פראטאקאל און די זאך איז פערגעסען געווארען.

ערשט דא נישט לאנג, בעת די שטייער-אמטען האבען מיט אזא ברען און פלייס זיך א נעהם-געטאן איינצומאהנען די אלטע שטייערן, איז מען אויך צוגעקומען צום אלטען שטייער-צעטעל פון בנימין זשוק אויף קאנארסקא גאס.

נאך א חקירה ודרישה אין די מעלדע-אמטען איז מען דערגאנגען, אז אזא איינער בנימין זשוק וואוינט אויף ראמיניקאנער 15. דער סעקוועסטראטאר איז אוועק איינמאנען דעם פערלעגענעם שטייער און פאר נישט בעצאהלען, איז, פערשטעהט זיך, זיינע שטוב-זאכען אויסגעשטעלט געווארען אויף א ליציטאציע.

א צעשראקענער, איז בנימין זשוק אוועקגעלאפען אין שטייער-אמט אויף ווילנער גאס און דערוויזען מיט אותות ומופתים, אז ער האט קיינמאל נישט געוואוינט אויף קאנארסקי גאס. מען האט טאקע נישט געשטימט, נישט אין די יאהרען און נישט אין די נעמען פון די טאטע-מאמעס.

בקיצור, דער יזר בנימין זשוק איז זיך געגעראוויגען ענין אנגעלאפען א וואך נאכאנאנד. דא ברענג עדות, דא א „ווישאנג" מיט א פאליצייִשער בעשטעטיגונג און א בעשטעטיגונג פון צענטראלען מעלדע-אמט, אז דער „ווישאנג" איז א ריכטיגער.

בנימין זשוק, האט אלץ אפגעטון. קיין געהעריגע תשובה האט ער נאך אלץ נישט בעקומען. טאג אויף טאג מארט ער נאך, אז זיינע שטוב-זאכען זאלען ליציטירט ווערען פאר א שטייער-חוב, וואס עס קומט פון א יודען מיט אנ'ערגליכער פאמיליע זשוק.

און אז מען זאל גוט חוקר ודורש זיין, איז גאנץ מעגליך, מען זאל זיך דערוויסען, אז דער אמתער שטייער-בעל-חוב שפאצירט זיך איצט גאנץ רוהיג ערגעץ אויף די ברייטע גאסען פון דער בראזיליאנער הויפט-שטאט, ריא-דע-זשאנייראָ.

געבען יודען ערד אויך אין די שטעדט

עמפעהלט א צירקולאר פון אוקראינישען אינערן-קאמיסאריאט

מאסקווע, (י.ט.א.) דער אינערן-קאמיסאריאט פון אוקראינע האט איצט פונאנדערגעשיקט צו אלע שטאטישע סאוויעטען א צירקולאר, אין וועלכען עס ווערט עמפעהלט אוועקצוגעבען די דעקלאסירטע יודען אלע פרייע חלקים ערד, וואס זענען פערהאן אין און ארום די שטעט פון אוקראינע, כדי די יודען זאלען זיך קענען בעשעפטיגען מיט עגטויקלען מילכיגס און גרינסען, אין וועלכע דאס לאנד נויטיגט זיך איצט זעהר שטארק.

דער דאזיגער צירקולאר איז ארויסגעגעבען געווארען דורך דעם קאמיסאריאט מיט א היבשע פערשפעטיגונג, נאכדעם ווי דער „קאמזעט" (קאמיטעט צו פערזארגען די דעקלאסירטע יודען מיט ערד) האט א לענגערע צייט אויפגעפאדערט, מען זאל אזא שריט מאכען.

Dr. med.
B. Robinzon
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען.
פעטריקאווער 10, טעל. 31-86
נעמט אן פון 8—9½ פריה און פון 3½—4½ נאכמ.

אָפּצייכענונג-טאָג
פאַר „מלביש ערומים"

קומענדיגען זונטאָג קומט פאָר אין דער אומ־געגענד פון לאָדז אַן אָפּצייכנונגס־טאָג פון „מלביש ערומים", וועלכער גרייט זיך צו צו דער ווינטער־בעקליידונג. די פערוואַלטונג אַרבייט ענערגיש און שטרענגט אָן אַלע איהרע כוחות, כדי צופערזעהען, אַז די אָרימע קינדער פון אונזער שטאָט זאָלען ביי די גרויסע פרעסט נישט געפרוירען ווערען און אויך האָבען אַ וואַרימען מלביש אויף ווינטער.

גאָרטען פערוויילונג אויף ווישניאַוואַ גורא לטובת טאז

שבת און זונטאָג קומט פאָר אויף ווישניאַוואַ־גורא אין דער זומער־קאָלאָניע פון „טאז" אַ גרויסע גאָרטען־פערוויילונג פערבונדען מיט אַ רייה אַטראַקציעס.

אַלע וועלען זיכער אויסנוצען די געלעגענהייט און בעזוכען די פערוויילונג און דערביי אונטערשטי־צען די זעהר סימפּאַטישע אינסטיטוציע.

גרויסע שרפה אין א דאָרף

(—) אויף וואליא קושמינסקא ביי ראַדאָמסק האָט אויסגעבראָכען אַ שרפה. דער פייער איז ענטשטאַנען פון דעם וואָס ס׳האָט זיך אָנגעצונדען די סאַדע אין קוימען. דער פייער האָט זיך שנעל פערשפרייט און טראָץ די אָנשטרענגונגען פון די פייערלעשער און פון די דאָרפישע פויערען זענען אָפּגעברענט געוואָרען 5 וואוינונגס־הייזער, 13 שטאַלען און 15 שפייכלערס. די היזקות בעטרעפען ביז 60 טויזענד זלאָטעס.

„קדוש השם" פון ש. אש
ביי די „ווילנער" אין שטעטישען טעאַטער

מאָרגען שבת ווערט אין שטעטישען טעאַטער צום ערשטען אויפגעפיהרט פון די „ווילנער" געשפּילט „קדוש השם" פון שלום אַש אין דער בעאַרבייטונג פון ד״ר מיכאַל ווייכערט, וועלכער האָט דאָס שטיק אויך רעזשיסירט.

„קדוש השם" איז אין וואַרשאַ ביי איבערפולטע הייזער געגאַנגען 143 מאָל. די גאַנצע פרעסע — יידישע און נישט־יידישע — האָט זיך גוט אָפּגע־רופען אויף דער אויפפיהרונג. אויף דער יידישער פּיהנע זענען אַזעלכע פאָרשטעלונגען אַ זעלטענ־הייט און ס׳איז דעריבער זיכער, אַז דאָס יידישע לאָדז וועט נישט אַרויסלאָזען די געלעגענהייט צו זעהען די „ווילנער", זייער קינסטלערישע לייסטונג, — זייער „קדוש השם".

„טוביה דער מילכיגער" פון שלום עליכם
אין יוד. טעאַטער אין פילהאַרמאָניע

מאָרגען הויבט אָן צו שפּילען אין יודישען טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע" דער בעקאַנטער אַר־טיסט לאַמפע צוזאַמען מיט פר. פאַניע מענדעלע־וויטש און דער וואַרשאָווער אַרטיסט אייזענבערג, וועלכער האָט אין לאָדז, בעת זיינע אויפטריטען מיט קלאַרא יאַנג געהאַט גרויס ערפאָלג.

אַלס ערשטע פאָרשטעלונג ווערט געגעבען „טובי דער מילכיגער" פון שלום עליכם.

נעבטיגע רינג-קאַמפען אין צירק

אין דער ערשטער פאָר האָבען געקעמפט שטיבאָר מיט פעריסטאַנאָוו׳ן, אין דער 13־טער מינוט האָט שטיבאָר בעזיגט פעריסטאַנאָוו׳ן דורך אַ פאָרערשטען גירטעל. אין דער צווייטער פאָר האָבען זיך געטראָפען אין אַ רעצידירענדען קאַמף קאַמף נאַרקאַוויענקא און פאַשאַף, די איבערגע־וויכט איז די גאַנצע צייט געווען אויף דער זייט פון פאַשאַף. נאָך 25 מינוט וואַרפט פאַשאַף זיין געגנער אויף דר׳ערד. נאַרקאַוויענקא מאַכט אַנ־אָנשטעל, ווי ס׳וואָלט איהם וועה געטון די האַנד. פאַשאַף שטעלט זיך אָפּ און הערט אויף צו קעמ־פען. דאָס נוצט אויס נאַרקאַוויענקא, כאַפּט פאַ־שאַף׳ן אין גירטעל און וואַרפט איהם אויף ביידע לאָפּאַטקעס. דער ריכטער אָנערקענט דעם זיג פאַר נאַרקאַוויענקא.

אין דער דריטער פאָר האָבען געקעמפט קאַרש מיט אָרלאָוו׳ן. נאָך 20 מינוט האָט קאַרש בעזיגט אָרלאָוו׳ן דורך אַ דאָפּעלטען נעלסאָן. דער אַמע־ריקאַנער באָקסאַמסאָן בעזיגט שטאַלי׳ן אין דער 5־טער מינוט.

ביי גרוי-נעלבליכער הויט-פאַרבונג

מידקייט פון די אויגען, שלעכטע בעפינדונג, פער־קלענערטע אַרבייטס־קראַפט, טרויעריגע געמיטס־שטימונג, שווערער שלאָף, מאָגען־שמערצען, קאָפּ־דרוק, קראַנקהייטס־וואַהן, איז דאַטואַם איינציגע טעג דורכאַנאַנד, פריה ניכטערנהייט אַ גלאָז נאַטיר־ליך ביטער־וואַסער

Franciszka Józefa

צו טרינקען. אין דער ערצטליכער פּראַקטיק ווערט דאָס וואַסער פון פראַנץ יאָזעף פאָרצוגסווייזע אָנגעווענדעט, ווייל עס בעזייטיגט שנעל די אורזאַכען פון אַ סך קראַנקהייטס־ערשיינונגען.

צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַר אַפּטעטשנעס.

פּאַרק HELENOW פּאַרק

מאָרגען שבת, און איבערמאָרגען זונטאַג, 8 אָוועגד, אויפטריטען פון באַלעט DENISOWOJ 6 p. פּערזאָן פון קאַבאַרעט „מעטראָפּאָל".
אין פּראָגראַם צווישן אַנד.: 1) מורח-מאָרן מאַנץ 2) אוקראַינישער 3) סצענע אויף דער פּלאָושע א.א.
פון 5 נמ. גרויסער קאָנצערט פון סימפ. אָרקעסטער אונט. לייט. פון ה׳ טעלג.

פון די קינא׳ס

אין קינאָ טעאַטער „לונא" געהט איצט דער פילם „דאָס יוגענד־רעכט". דער פילם שילדערט די ליבע און אָפּפּערונג פון א מוטער, וועלכע לעבט נאָר פאַר איהר קינד און שטרעבט פון איהר צו מאַכען אַ גרויסע סענצערין. זי וויל איהר קינד, נאָך איהר אייגענעם ווילען ערציהען, פערגעסט אָבער, אַז די יוגענד האָט אויך איהרע פאָדערונגען און שטרעבונגען. דאָס נישט ערפילען פון די יוגענד־פאָדערונגען קאָן דערפיהרען צו אַ קאַטאַסטראָפע.

די הויפּט-ראָלען שפּילען, די שעהנע מאַדגע בעלאַמי און האַרי גאַרסאָן זעהר גוט.

אויסערדעם ווערט געגעבען אַ לוסטיגע קאָ־מעדיע.

אין קינאָ-טעאַטער „קאַפּיטאָל": ווערט געגעבען אַ ראָמאַנטישע דראַמע א.נ. „צי־גיינער" („לאַ באָהעמע").

אין דעם פילם זעהט מען די פערשידענע קאָנטראַסטען צווישען די לוסטיגע און טראַגישע סצענעס, וועלכע שפּילען זיך אין די פּאַריזער פאָרשטעט אָפּ, וואָס ווערט גערופען „באָהעמע", און שילדערט דאָס דאָרטיגע לעבען.

דער פילם איז זעהר גוט אויסרעזשיסירט. די הויפּט-ראָלען ליגען אין די הענד פון גרויסע קינסטלער ווי זשאָהן גילבערט, ליליאַן גיש, רענע אַנדרעע און אַנדערע, וועלכע שפּילען זעהר גוט.

אין „גראַנד קינאָ": ווערט איצט געגע־בען אַ אויסערגעוועהנליך דאָפּעל פּראָגראַם, וועל־כעס בעשטעהט פון אַ פאַרס און אַ דראַמא.

1) „דער סטודענטען פלירט", אַ שעהנער פאַרס מיט דער וויבליכען דוגלאַס פייערבענקס, בעבע דאַניעלס, וועלכע בעצויבערט און בעגייס־טערט דעם צושויער.

2) „אין דעם דאַנסינג וועלטעל", דער פילם איז ווידער אַ מעכטיגע דראַמע פון ליבע אָן אָפּ־פערונג פון צוויי זיך ליבענדע מענשען. אין די הויפּטראָלען שפּילען יאַן קראָפוואָרד, אָווען מאָ־אָרע און אַנדערע זעהר גוט.

אין קינא טעאַטער „בייקא" ווערט געגעבען אַ ערשטקלאַסיגע דראַמע אין 10 אַקטען פון אַ גרויסע ליבע אָפּפערונג א. נ. „די האָטעל־גנבים".

דאָס בילד איז אַ אויסערגעוועהנליכעס און איז ווערט צו זעהן, בעזיצט אַ גוטע רעזשי און שפּיל, מצד די אויספיהרער פון דער הויפּט ראָלע וועלכע ליגט אין די הענד פון בעריהמטען שוי־שפּילער דאַמיעניצא גאַמבינא, וועלכער שפּילט זעהר גוט.

דער דאָזיגער פילם פערמאָגט אַ גאַנצע ריי־הע זעהר אינטערעסאַנטע מאָמענטען וואָס לאָזען איבער אויף די צושויער אַ נישט פערגעסענעם איינדרוק.

מעלדונגען

פון די פּראָפעסיאָנעלע „אָרט"־וואַרשטאַטען

עס זענען פערהאַן פרייע ערטער אויף פאָל־געגדע קורסען:

סוויטער־שטריקעריי: גלאַט, פ. ד. און ושאַ־קאַרד, הענטשקע־שטריקעריי, רונד־קראַפט־זאָקער אַרבייט, קראַפט־וועבעריי אויף גלאַטע, קאָרדעס, קאָרט־גאַבעלי, זייד און פלוש־שטולען, קראַפט־שפּולען צו סוויטערס און זאָקען, קעטלען, מאַשין און האַנד־האַפט, וועש־נייעריי און צאַשניידען, מאַ־ניקור, אָנדולאַציע.

פערשרייבען קען מען זיך אין ביוראָ פון „אָרט", וואָלטשאַנסקא 27, אין די ביוראָ־שעהן.

אַכטונג, באַלוטער וועבער!

שבת, דעם 20. יולי 10 פריה קומט פאָר אין פעראיינס־לאָקאַל ,פייפער־גאַס 13 אַ גרויסע פער־זאַמלונג וועגען דער לאַגע פון די באַלוטער וועבער.

אַלע דאַרפען קומען.

די פערוואַלטונג פון טעקסטיל־פעראיין, אָפּטיילונג 7 „גייט".

צו דער מאָרגענדיגער פּרעמיערע פון
שלום אש׳ס
„קדוש השם"

ווילנער טרופּע
XIV יאָר
אנפ. מ. מוזאה

לאָדזשער שטאַט טעאַטער
63 צעגעלניאַנאַ

ווילנער טרופּע
XIV יאָר
אנפ. מ. מוזאה.

די פּרעסע וועגען שלום אש׳ס „קדוש השם":

ליטעראַרישע בלעטער

אין דעם ספּעקטאַקל „קדוש השם" איז גע־געבען געוואָרן גיל דערהויבונג, קדושה, גלויבן, ליבע און טראַגיק. די סצענעס פון „קדוש השם" רייסן מיט, רירן ביז ציטער, דערהויבן ביז טרערן. עס איז אַ געשעהעניש פון גרויסער וויכטיקייט. די „ווילנער טרופּע" קאָן זיין צופרידן. זי האָט דעם יידישן טעאַטער דערלאַנגט אַ שיינע מתּנה.

היינט

דאָס יודישע וואַרשע האָט בעקומען אַ נייגיר־דערוועקענדע אימפּאָזאַנטע פאָרשטעלונג פון אַ גרויסען עמאָציאָנעלען ווערט. די „ווילנער" קאָן מען בעגריסען מיט אַ געוואַגטער לייסטונג. די ווילנער האָבען ערנסט און טעאַטער־בלוט.

אונזער עקספּרעס

שלום אַש׳ס „קדוש השם" האָט געשלאָגען דעם רעקאָרד פון סצענישען דערפאָלג. דער פּראַכטפולער ספּעקטאַקל האָט אַרויסגערופען בע־גייסטערונג. אַן׳אויפפיהרונג פון אַזאַ שוואונג און עכט איירָאָפּעאישען פערנעהם האָבען מיר אויף דער יודישער סצענע געזעהען דאָס ערשטע מאָל. די „ווילנער טרופּע" האָט געפייערט אַ נצחון.

מאָמענט

שלום אַש׳ס „קדוש השם" איז איינע פון די שענסטע, אינטערעסאַנטסטע און ריינסטע פאָרשטע־לונגען אויף דער יודישער ביהנע פאַר דער לעצ־טער צייט.

NOWY DZIENNIK

To samo niecodzienne przeżycie artystyczne, co po pierwszem wystawieniu „Dybuka". Prawdziwe święto teatralne żydowskiej Warszawy.

בייע פאָלקס-צייטונג

„קדוש חשם" איז פון די געציילטע קונסט־זאַכן אויף דער יידישער בינע, וועלכע פאַרמאָגן אין זיך אַזוי פיל קולטור, פון וועלכע עס שיינט אַרויס אַזוי פיל שיינקייט פאַר׳ן אויג און פאַר׳ן אויער. אַ סימפאָניע פון פּאָעזיע, מוזיק און פּלאַס־טישע קולטור. באמת אַ טעאַטראַלע דערהוי־בונג!

NASZ PRZEGLĄD

Przedstawienie „Kidusz Haszem" wywołało silne wrażenie. Jako czyn artystyczny, godny wielkiej sceny europejskiej. Reżyserja stworzyła widowisko piękne, nacechowane umiarem artystycznym, harmonijne, głęboko przemyślane.

אַרבעטער צייטונג

אַ הערליכער איבעראַשנדער ספּעקטאַקל, ס׳פּשופּט אויג און אויער, פּראַכטיגע דעקאָראַציעס, הערליכע מוזיק און גלענצענדער שפּיל פון דעם אַנסאַמבל.

EWA

Widowisko „Kidusz Haszem" robiło imponujące wrażenie i stało się ewenementem niepowszedniej wagi w życiu artystycznem.

Grand-Kino

סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ר. קאנטאר.

אנהויב 5 נאכמ. שבת און זונטאג פון 12 בייטאג

הײנט און פאלגענדע טעג! I רעקארד-דאפעלטער פראגראם! II הײנט און פאלגענדע טעג

Bebe DANIELS אין Douglas FAIRBANKS קלײד

אין אונפערגלייכליכען מערס א. נ.:

סטודענטישע ליבע

Bebe Daniels בעצויבערט אין דעם פילם, דערהויבט און ענציקט אלע

איז דאנסינג-וועלטל

נעשאפען אויפ'ן גרונד פון א גרויסער ליבע פון צוויי ליבענדע מענשען — אין די הויפט-ראלען:

Joan Grawford, Owen Moore i in.

אכטונג! פרייזן פערקלענערט! III פלאץ 1 זל. I און II 2 זל.

APOLLO

סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' צ. קאנטאר

הײנט און פאלגענדע טעג! — — — — די גלענצענדע כינעזערין

ANNA MAY WONG

אין דער מעכטיגער ליבעס- און אפפערונגס-דראמע א. נ.:

„בלוטיג געלד"

ביי דער בעטײליגונג פון די בערימטע קינא-שױשפילער

H. George i Mary Kid

נעכסטער פראגראם: „דער געלער פאס"

סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' צ. קאנטאר.

פענסיאנאט „זאקאפיאנקא"

פײערמאן, אין קאמינסק

עקזיסטירט שוין 11 יאהר, האט זיך היי-יאהר איבערגעטראגען פון דער ווילע „ראזאליא" אין אייגען פראכטפול-איינגעריכטעטע ווילע מיט אלע נויטיגע בעקוועמליכ-קייטען, מעבלירטע זוניגע צימערן, טרוקענער גרויסער וואלד, 5 מינוט פון דער באהן-סטאציע. געשמאקע שפייזען.

עס ווערען אויך פערדינגען וואוינונגען אהן בעקעסטיגונג.

די ווילע איז קאנאליזירט. פערהאן אויך באדע-צימערן.

צוגענגליכע פרייזען!

„זאקאפיאנקא" געפינט זיך אין שענסטער געגענד פון קאמינסק.

אדרעס: **Pensjonat Fajermana, st. Kamińsk** poczta Wojciechów.

אויף גינסטיגע בעדינגונגען

מעטאל-בעטן, שפאציר-און קינדער-וועגלעך, מאטראצען: גאבעטע, דראט און אויך צו חאלק, געטען „Patent" דיוואנעס, וואש-מאשינען און היגיענישע קעסט אנבלינגמטען

אין פאבריקס-לאגער

DOBROPOL, Łódź

Piotrkowska 73 w podw.

אין בעקאנטמאכונג.

דער פריזיר-אטעליר פיעטריקאווער 17

(אין הויף) דאמען- און הערן-סאלאן

ווערט איצט געפיהרט אונטער דער פאכמענישער לייטונג פון געוו. מיטארבייטער פון

ט. יאקובאוויטש, 6-טען שערפיעז 1

עדמונד פיענקניעווסקי

און געוו. מיטארבייטער פון קראקויער זיעלאנא 5

ראמאן קאספראשאק

מיט אכטונג

הויך-קאנקורענץ-פרייזען!

עדמונד פיענקניעווסקי, ראמאן קאספרזשאק

אײנציגער ספארט-צירק

אויפ'ן פלאץ דאמבראווסקי.

הײנט קעמפען:

1) **שטעקער — באהן-סאמסאן**

דעצידירענדער קאמף ביז'ן רעזולטאט!

2) קאמף וועגען א פרעמיע פון 200 זל. איינגעלעגט דורך קארש'ן! קאמף אויסערן קאנקורס

פאשאף — קארש

3) **פעריסטאנאוו — שטאל**

4) דעצידירענדער קאמף **קארנאץ-גארקאוויענקא**

Dr. W. ŁAGUNOWSKI

Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych **przeprowadził** się na ul. **Piotrkowskiej 70** róg Traugutta). Przyjmuje od 8^{30} do 10^{30} rano, od 1-ej do 2^{30} pp., od 6 do 8^{30} wiecz. w niedziele i święta od 10 do 1-ej.

טויזנטער

קראנקע אויף מאגען-קאטאר, אויפבלאזונגען, קרעמפן, ווייטאגן, אונפערדייליכקייט, אפעטיטלאזיגקייט, אלגעמיינע אפשוואכונג, האבען צוריקגעקריגען דאס געזונד, בענוצענדיג קרייטעכטער פון דעם בעריהמטען אויף דער גאנצער וועלט ד"ר דיטעל, פראפעסאר פון יאגעלאנסקי אוניווערזיטעט. פאדערט די אנאליזעס בעלערענדע בראשורע. אדרעס:

LISZKI-APTEKA

Dr. J. BETTE

ספעציאל-ארצט פאר אינערליכע- און קינדער-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 6, טעל. 44-95.

נעמט אן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אווענד.

Dr. med. H. Lubicz

צעגעלניאנא 43, טעל. 32-41

ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און מענער-שוואכע קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאמפע (האר-אויספאל)

נעמט אן פון 8—10 און פון 4—8 אווענד.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY

Wodny Rynek (róg Rokicińskiej).

Od 16.VII. do 22.VII. 1929 r.

Dla dorosłych:

Ostatni uśmiech BŁAZNA

Dramat w 10 aktach. W rolach głównych: **KARINA BELL i GOESTA EKMAN**

Dla młodzieży:

Tarzan i Złoty Lew

Dramat w 10 aktach według powieści **Edgara Rice Burroughs.**

לעטשניצע אין דאקטוירים ספעציאליסטען

אין ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט

זגיערסקא 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי נאז, האלז, אויערען קר.	10—11 8—6, 7—6
ד"ר ראזשאנער הויט און געשל. קר.	10—11 1—3
ד"ר גאלדשטיין- אויגען-קראנקהייטען פאלאק	1—3, 7—6
ד"ר יוסטמאן נערוועזן קראנקהייטען	12—2 און אנ.
ד"ר ראזענצווייג קינדער-קראנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר פאפיערני פרויען און געבורטס-הילף	$1-1\frac{1}{2}$ 5—6
ד"ר קאנטאר כירורגישע-קראנקהייטען	4—5 און 1—2
ד"ר ווײנבערג אינ. וועג לונגען-קר.	12—1, 6—7
ד"ר מאיזעל רענטגען	10—12 4—6
א. גראדזענסקי צאהן-ארצט	5—7
נ. ראזום צאהן-ארצט	9—2

צאהן-טעכניק, בעליכטונגען, קווארצען, מאסאזש א. א. וו.

ביי דער לעטשניצע איז געעפנט געווארען

א רענטגען-אינסטיטוט

היילונג פון הויט קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראלען, פאר בעשטראלונג און דורכליכטונגען, קווארץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קורס פאר שוועסטער.

אויפנאמען בעכן שרייבער (סעקרעטאר) פון 4—5 נאכמ.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.

ווזיט אין דער שטאט.

ערצט.-קאסמעטיש. גאבינעט

פראל. מארקוס נעהמט אן פון 5—7 אווענד

א שטוב מיט א קוך

אין פארטער אפצוגעבען פון באלד. אלעקסאנדריסקא 23, וואהנ. 30.

א שעהן מעבלירט צימער

פאר 2 אדער 3 יונגעלייט צו שלאפען, צו צאהלען מאנאטליך. פאלודניאווע 20, וו. 27 2. הויף, איינגאנג לינקס.

Dr. med. L. Pikielny

ארצט

ספעציאל ארצט פאר נידער-, לונגען- און הערץ- קראנקע

NAWROTS

tel. 19-90

עמפפאנגט פון 7—4 אוו. נעמט אויך אן אין דעם לעטשניצע „Zdrowie," נאווראטעסקא 3 פון $12^1/_2$ ביז 2 אייגער נאכמ.

Dr. HELLER

ספעציאליסט פאר הויט- ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.

נאווראט 2 טעל. 79 80

נעמט אן פון 10 פריה און 4—8 אווענד. פאר פרויען 4—6 נאכמ.

פאר אנטבעסטימטע לעטשניצע-פרייזען

א לערניונגעל

פון בעסערע עלטערן וועלכער קען לעזען און שרייבען פויליש קען זיך מעלדען ביי

י. ווינדמאן

פעטריקאווער 35.

אין שיך-געשעפט פון 9 ביז 11 פריה.

איבערצוגעבען א שטוב

מיט בעקוועמליכקייט אין צענטרום דער שטאט אדער כוישטן קאן זיין אין באלוט. נעמאוויסער צו הערען ביי בלאכאוו מש, וואלפאר-סקא 32. 9938

צוויי אבערלאק-מאשינען

איין 2-פעדעמדיגע און 1 3-פעדעמדיגע ביליג צו פערקויפען ביים זייגער-מאכער, סקלאדאווא 9

שפייזער 8349

א שדכן

וואס פערקעהרט אין בעסערע הייזער איז נויטיג

אפערטען פאר **S. Ł.**

אנ'ארט צו שלאפען

פאר 2 אנשטענדיגע יונגעלייט ביי אנ'אנשטענדיגער פאמיליע. צו ערפאהרען דרעוונאווסקא 9 וו. 34.

א מעבלירט צימער

מיט א בעזונדערען איינגאנג פאר 2 אדער 3 יונגעלייט איז אפצוגעבען צו ערפאהרען פיעטריקאווער 88, וו. 44.

Dr. med. H. LAJCHTER

צאהן-כירורג

דיזאספע-, קין-, גימען-, און צונג-קראנקהייטען.

Konstantynowska 9.

telefon 49-66

od $1^1/_2$—5 po pol. 4604

צאהן-ארצטין מ. שווארצאווא

וואלבארסקא 33 צוריק-געקעהרט

דאמען-פריזיר-סאלאן

נאך פיל יאהרען פראקטיק אין בערלין פיהר איך אויס ערשטקלאסיגע אנדולאציע נור פאר 80 גר. מאניקור פאר 60 גראשען

HELENA

Piotrkowska 79, III p.

א צימער

אויף א ווערקשטעל מאנאטליך צו צאהלען

צו פערדינגען.

צו ערפאהרען אלטשטאט 5 ביי ראזענגארטען.

א יונגערמאן

וועלכער קען די טיכער-בראנזשע ווערט געזוכט

אפערטען אונטער „טיכער-פאבריק"

קנה חכמה קנה בינה ואל תט מאמרי פי

אז די דארפסט ערלעדיגען סאנדראווע זאכן זאלסטו דו גלייך קומען צו לויפען אין ביורא

17 פיעטריקאווער 17

52 זאכאדניא 52

אז תלך לבטח דרכך

ווייל אין ביורא ביי ה' מאנעלא ווערט געוויסענהאפט ערלעדיגט און געשריבען אלע סאנדראווע זאכען, ביטעס, קלאוזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילן, קארנע און ציוויל אפעלאציעס, אדוואלאציעס, אינטערווענציעס, ספעציאליסט פון שותפות-אקטען, איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.

מיט אכטונג

י. מאנעלא, פיעטריקאווער 17

דורכגאנג זאכאדניא 52.

צו שרייפען

פון ראזיר-זשילעטקעס, ראזיר מעסער (ברייטוועס) ווי אויך אלערליי מאניקיר-שערען און שטאהל = ווארען נעהמט אן

Ed. SALOMON, 26 Zamenhofa 26

שנעלע, ביליגע און רעעלע אויספיהרונג.

ספארט-געלען

קרעם

שירמס, שטעקענס

פאר און דער ווערקשטעל

ס. זילבערבוים, נאוואמיעיסקא 19

ווייל איהר קענט דארט קויפען מיט 25% ביליגער

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען

אין דענטיסטישער קאבינעט.

בזשעזשינער 11, טעלעפאן 37-63

אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר אימיך נאז, האלז, אויערען קר.	$4^1/_2$—$3^1/_2$
ד"ר קערשנער קינדער-קראנקה.	9-11 3-$4^1/_2$
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	12—2
ד"ר רובינשטיין הויט און געשלעכט-קר.	$12^1/_2$—$1^1/_2$
ד"ר שמירגעלד נערוועזע און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאלדבלאט אויגען-קראנקה.	$12^1/_2$—$1^1/_2$
ד"ר חיים כירורגישע קראנקהייטען	2—3
ד"ר שמערלאווסקי פרויען- און געבורטס-הילף	$4^1/_2$—$3^1/_2$

פסיכא-טעראפיע, שפראך-שטערונגען ווי שטאמלען א. א. וו. מאסאזש-שטעלן, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראהל. איינשפריצונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אנאליזען. אויף פערלאנג וויזיטען אין שטאט. אין לאבאראטאריום ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, אויך פלעגמע און בלוט

אימפונגען געגען שקארלאטין.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

א רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר לאזשינסקי סטאראפאלסקא

צאהן-ארצט 10—1 3—6

קינסטליכע ציין, קראנען, פאמבען א. ז. וו.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג

ווישניאווא-גורא

ווילא פ. טעפלער

איז פון זאפארט אפצוגעבען זעהר ביליג

3 שטובען און קוך

צו ערפאהרען ביי י. דאווידאוויטש

נארוטאוויטשא 25 טעל. 79-35

פון 2 ביז 4 נאכמיטאג און פון 8 ביז 9 אווענד.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער רייה 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60— 4
פאר א מילימעטער-שורה: נאכ'ן טעקסט—12 . . . . 18— 8
מיניסטער דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך
די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat" Spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg.
Czcionkami i druk „Najer Folksblat" Piotrkowska 21;
Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.